STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01783

MAYN MILITER-DIENST IN RUSLAND

A. Kimelfeld

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין מיליטער-דיענסט אין רוסלאנד

אַ טאג בוך פון אַ אידישען סאלדאט

געשריבען פון
א. קימעלפעלד

מאדעל פרינט שאפ, לאָס אנדזשעלעס, קאל.
1916

פארווארט

מיט דער האפענונג אז דער אידישער לעזער וועט מיט מיין ארבייט צופרידען זיין גיב איך איבער מיינע נאטיצען אין דער עפענטליכקייט.

איך האב געדיענט אין מיליטער 4 יאהר און די גאנצע צייט האב איך געפיהרט מיין טאָג-בוך, וואו איך האב פארצייכענט אלעס וואס איך האב באמערקט. עס פארשטעהט זיך אז אין דעם ערשטען יאהר האב איך געהאט אַ סך מעהר וואס צו פארשרייבען ווי אין די פאלגענדע 3 יאהר, ווייל אין דעם ערשטען יאהר איז ביי מיר אלעס געווען ניי און דארום פארנעמען די נאטיצען פון דעם ערשטען יאהר אונגעפעהר האלב פון דעם גאנצען טאג-בוך. דיעזע ערשטע האלב, פון וועלכער יעדער מענש קען בעקומען אַ פאלשטענדיגען בעגריעף וועגען דעם לעבען פון דעם סאלדאט, פון דער מיליטערישער לעהרע און ארדנונגען און פון די ספעציעלע צרות, וואס די אידישע סאלדאטען ליידען גיב איך יעצט איבער צו דעם אורטהייל פון דעם פובליקום און אויב דער אורטהייל וועט זיין אַ גינסטיגער וועל איך אין גיכען פערעפענטליכען אויך די צווייטע האלב, דורך וועלכער די בעקאנטשאפט מיט די אויבען דערמאנטע ענינים וועט ווערען טיעפער, פאלקאמענער.

איך מאך נאך אויפמערקזאם דעם לעזער אז איך האב געשריבען דיעזע נאטיצען פאר זיך זעלבסט און האב גאר גיט געחלומט זיי צו פערעפענטליכען, זיי זיינען דארום ריכטיג, נאטירליך, אהן קיינע בעפוצונגען און איבערטרייבונגען.

מיין מיליטער-דיענסט
אין רוסלאנד

י״א כסלו תרס״א

היינט האט מען מיך צוגענומען פאר אַ סאָלדאַט. אין אַ וואך ארום דארף איך קומען קיין וו. פון וואנען מען וועט מיך אוועק שיקען צו דעם פלאץ, אין וועלכען איך וועל דארפען דיענען.

י״ח כסלו

היינט בין איך געקומען קיין וו. אין איינינע טעג ארום וועט מען אונז אוועק שיקען קיין מאָסקוואַ אין אַ גרענאדיערען—פּאָלק (רעגימענט). קיין וו. איז מיט מיר מיטגעפאהרען מיין פריינד ס. ער וועט פערווייל מיט מיר אין וו. ביז איך וועל אפּפאהרען. מיין אבשיעד פון מיין פאמיליע איז געוועזן זעהר א טרויעריגער. מיין מוטער און שוועסטער האבען געוויינט און מיין פאטער איז געוועזן זעהר געבּראכען און איך האב גע-מוזט אנווענדען אלע מיינע קרעפטען אום זיך ניט צואוויינען ווי אַ קינד. מיינע פריינד און בעקאנטע האבען פארבראכט מיט מיר דעם גאַנצען טאָג פאר מיין אבפאהרען און פיעלע פארנעהמע מענשען פון שטאט זענען געקומען מיט מיר זיך זעגענען. איך האב גאר ניט געוואוסט אז איך האב אַ שטיקעל „נאמען״ אין שטאט.

ב״א כסלו, 12 אוהר ביינאַכט

מיר פאהרען יעצט קיין מאסקווא. מיין אבשיעד פון מיין פריינד ס. איז אויך געווען אַ טרויעריגער, אבער געוויינט האבען מיר ניט.

דער צוג, אין וועלכען מיר פארען איז אַ פראַכט-צוג און עס זיינען גיטא קיין ביינק צום זיצען, פון שלאפען איז אפגע-רעדט. אונזערע קעסטלאך וואלגערען זיך אויף דעם דיל און זיצענדיג אויף די קעסטלאך שפּארען מיר אָן אונזערע קעפּ אָן דער וואנד אדער אויף די אקסלען און דרעמלען. דאך לאזען מיר קיין טרויער אונז ניט בעהערשען. אלע שטיפען און זינגען ליעדער וואס זייער אינהאלט איז „זי״.

כ״ב כסלו 10 אוהר פריה

נעכטען ביינאכט זענען מיר אנגעקומען קיין קורסק. מיר האבען גענעכטיגט אין אַ קאַזאַרמע. היינט פריה האט מען אונז געגעבען דעם ערשטען מיליטערישען מאלצייט. דאס נעקעכטס איז ניט גוט און דער ברויט איז נאר אונערטרעגליך: עס איז רויה און פול מיט זאמד. אויב מען וועט אימער געבען אזא ברויט וועל איך געוויס אין גיכען קראנק ווערען.

כ״ב כסלו 4 בייטאג

היינט אום 2 אוהר זענען מיר ארויסגעפאהרען פון קורסק. מען האט אונז געגעבען אַ פּאַסאַזשיר-צוג און עס איז גאַנץ גראם. די זון זעצט זיך... עס ווערט טונקעל... אלע מענשען שלאפען נאך די אונרוהיגע 2 נעכט וואס מיר האבען געהאט. עס איז שטיל... טרויעריגע געדאנקען בעהערשען... מארגען וועל איך קומען קיין מאסקווא. וואס וועט זיין מיין שיקזאל? שלעכטע צו גוטע וועלען זיין די יעניגע וואס וועלען הערשען איבער מיר? ווער וויים?...

כ״ג כסלו

היינט אין דער פריה זיינען מיר געקומען קיין מאסקווא. איינינע אונטער-אפיצערען (עטוואס גרעסערע פון איינפאכע סאלדאטען) האבען אונז באגעגענט און האבען אונז אוועק גע-פיהרט אין אַ קאַזאַרמע, דארט האט אונז איין אפיצער אויסגע-

רופען ביי די נעמען און האט אונז געהייסען איינלייגען ביי איהם דאס געלד וואס מיר האבען מיט זיך. איך האב ביי איהם איינגעלייגט 6.00 רובל און 1.40 ר׳ האב איך איבערגע-לאזט ביי זיך. נאכהער האט אונז דער אפיצער געזאגט אז מארגען וועט מען ביי אונז צונעמען אלע אונזערע קליידער און וועש און מען וועט זיי אוועק שיקען אין האספיטאל זיי צו די-זענפעקצירען. מיר זיינען פארציטערט געווארען הערענדיג דיעזע בשורה, ווייל די דיזענפעקצירטע קליידער ווערען פאר-ברענט פון דעם קארבאל-זויער וואס מען שפריצט אויף זיי און יעדער איינער האט דאך זיך געקויפט נייע וועש פאר זיין אָב-פאהרען. מיר האבען אנגעפאנגען זוכען עצות און מיר האבען זיך דערוואוסט אז אַ צוויי אלטע סאלדאטען, וואס היטען די ארדנונג צווישען אונז באהאלטען אַ טהייל פון די נייע סאלדא-טענס וועש פאר אַ קליינער בעלוינונג, האבען מיר אוועק געגע-בען אַ טהייל פון אונזער וועש און מיר האבען באצאהלט צו 40 קאָפּיקעס. יעצט האב איך מורא טאמער וועלען די סאל-דאטען אראפּ גנב׳ענען פון אונזער וועש, ווייל קלאגען זיי וועלען מיר דאך ניט קאנען.

כ״ד כסלו

היינט האט מען אונז אויפגעוועקט אום 4 אוהר פריה און איין אונטער-אפיצער האט אונז אוועק געפיהרט אין אַ באד. אז מיר זיינען געקומען צוריק האט מען ביי אונז צוגענומען אונזערע קליידער און וועש און מען האט אונז ארויסגעגעבען אלטע, צוריסענע מיליטערישע קליידער. נאכהער איז געקומען דער אפיצער און האט אונז אנגעזאגט מיר זאלען ניט וואגען ארויסטרעטען פון דער קאזארמע. און ווען עמיצער וועט דארפען געהן אין ביה״כ זאל ער זאגען איין אונטער-אפיצער וואוהין ער געהט.

די אונטער אפיצערען וואס גיבען אכטונג אויף אונז האבען

אויף אונז אנגעווארפען אַ גרויסע מורא. זיי ריידען צו אונז ניט נאר זיי שרייען, בייזערען זיך. זיי קוקען ניט אויף אונז נאר זיי שטעכען מיט די אויגען. יעדער איינער דרעהט זיך ארום צווישען אונז עפּעס אזוי ווי אַ מעכטיגער הערשער, ווי אַ גרוי־סער קעניג. ביי יעדען קעהר, ביי יעדער טהאט האבען מיר מורא טאמער וועלען די „עלטערע" ניט צופרידען זיין. איך שרייב און האב מורא טאמער וועט מען מיר פארבאטען שריי־בען. איך האב באהאלטען דעם פאפּיער ווען מען האט ביי אונז צוגענומען אונזערע קליידער און וועש אבוואהל איך האב מורא געהאט טאמער וועט מען באמערקען און איך וועל בע־שטראפט ווערען.

ביי טאג האט מען אונז געגעבען עסען. דאס ברויט איז פיעל בעסער פון דעם וואס מען האט געגעבען אין קורסק און דאס געקעכטס איז אויך ניט אזוי שלעכט. טיי טרינקען מיר 2 מאל אין טאג אין דער פריה און פאר נאכט. הייסע וואסער קריגען מיר אומזיסט.

דער נאמען פון דיעזען פּאָלק איז: ערשטער גרענאדיערי־שער, יעקאטערינאסלאווער פּאָלק.

כ״ז כסלו

היינט האט מען אונז אומגעקעהרט אונזערע קליידער און וועש און מען האט צוגענומען די מיליטערישע קליידער. נאכהער האט מען אונז אוועקגעפיהרט אין האספּיטאל און מען האט אונז געשטעלט פּאָקען. אום 2 אוהר האט מען אונז אויכגעשטעלט אין איין שורה און דער קאמאנדיר פון דעם פּאָלק (רעגימענט) האט אנגעצייכענט אויף יעדען פון אונז אין וועלכער ראָטע (קאָמפּאַני) ער זאל געשיקט ווערען. איך בין בעשטימט געווארען פאר דער פיערטער ראָטע. אין אַ שטונדע אַרום האט מען אונז אוועק געפיהרט אין דער קאזארמע וואו אויך די פיערטע ראָטע געפינט זיך. די קאזארמע געפינט זיך

אין דעם בעריהמטען קרעמל. וואו די רוסישע קעניגע האבען געוואוינט פארצייטען. דער קרעמל איז ווייט אַ 2 ווערסט פון דער קאזארמע וואו מיר זיינען געווען ביז יעצט. מיר זיינען געגאנגען דורך די שטאדט גאַסען, פיינע רייכע גאסען. און קלויסטערס—אויף יעדען טריט. מען זאגט אז עס געפינען זיך 1600 קלויסטערם אין מאסקווא. אין קרעמל האב איך פאר-בייגעהענדיג געזעהן אלכסנדר דעם צווייטענס מאנומענט, די בעריהמטע „צאר-קאָלאָקאָל" (קייזער-גלאָק) וואס ווענט, ווי מען זאגט 12000 פוד און „צאַר-פושקאַ" (קייזער-קאַנאָן).

כ"ח כסלו

היינט איז זונטאג טוען מיר גאר ניט. עס זיינען דא אין מיין ראָטע איינינע אידען און זיי האבען זיך מיט מיר בעקאנט און האבען מיך אביסעל בעקאנט געמאכט מיט די ארדנונגען וואס עקזעסטירען דא. ווי עס זעהט אוים פון זייערע רייד איז ניט זעהר גוט צו דיענען אין דיעזען פּאָלק ווייל ער איז אַ גאנ-צער יחסן, ער ווערט גערופען אויף דעם נאמען פון דעם פער-שטארבענעם קיסר אלכסנדר דעם דריטען און די אפיצערען זיינען זעהר שטרענג און פאדערען אז אלעס זאל פינקטליך גע-טאן ווערען. די ערשטע צוגענומענע סאלדאטען, אדער די „יונגע" ווי מען רופט זיי דא טארען ניט ארויסגעהן פון קאזארמע ביז אַ צוויי מאנאטען. די ראטע ווערט איינגעטהיילט אין 4 ווזוואדען. יעדער ווזוואד האט איבער זיך אַ הויפט, אַ ווזוואד-ני—קאמאנדיר. יעדער ווזוואד איז איינגעטהיילט אין 2 אט-דעלעניעס. יעדער אטדעלעניע האט אַן אטדעליעני-נאטשאל-ניק. איך בין אין פיערטען ווזוואד אין צווייטער אטדע-לעניע.

ל. כסלו

אויך נעכטען האבען מיר גאר ניט געטאן ווייל אלע אלטע סאָלדאַטען אויך די נאַטשאלניקעס (עלטסטע, הויפט-לייטע)

זיינען געווען מיט עפּעס פערנומען. זיי האבען אנגעטאן נייע קליידער און זענען ערגעץ געגאנגען, געקומען און ווידער גע־גאנגען און אויף אונז יונגע האט זיך קיינער ניט אומגעקוקט. היינט אבער האט מען שוין אונז אויך אין זינען געהאט. אין דער פריה, באלד נאך אָנבייסען (טיי מיט ברויט) האט דער ווזוואדני קאמאַנדיר אונז יונגע ארום געקוקט צו אונזערע קליי־דער און שטיוועל זיינען ריין און גאנץ. נאכהער האט מען יעדען פון אונז צוגעפּאסט אַ מיליטערישע קעפּקע (אַ קיילעכי־גער קארטוז אָהן אַ קאָזיראָק), אַ גימינאסטישע העמד (א וויי־סע אויבערשטע העמד וואס מען טראגט ביי דעם לערנען) און אַ לעדערנעם פּאַס מיט אַ מעשענעם ברייטען קנאָפּ. די קעפּקע און דעם פּאַס גיט מען אומזיסט און פאר דער העמד דארף מען צאהלען 60 קאפּיקעס. ווער עס האט ניט קיין געלד קריגט די העמד דערווייל אומזיסט אבער מען זאגט איהם אז עס ווערט פארשריבען אויף איהם און שפּעטער וועט ער דארפען בע־צאהלען.

אז מיר האבען אנגעטאן די קעפּקע, די העמד און דעם פּאַס האט אונז דער ווזוואדני געגומען לערנען: שטעהן, געהן, זיך קעהרען רעכטס, לינקס און אויך א ביסעל גימנאסטיקא: בויגען דעם קאפּ הין און צוריק, בויגען דעם קערפּער, ווארפען מיט די הענד א. ד. ג. נאך וואַרמעס (אַ שטיקעל פלייש, זופּ און אביסעל קאַשע פון הרעצענע גרויפּען) האבען מיר גע־האט רוהע ביי אַ שטונדע און נאכהער האבען מיר געטאן פער־שיעדענע ארבייט: געוואשען די דילען, געריינינגט די קופּערנע שיסלען, אריין געטראגען האלץ פון דעם הויף אין קאזארמע א. ד. ג.

עס זיינען דא איינינע זאכען, וואס נאך דעם געזעץ נאך מוז יעדער סאלדאט זיי האבען און אויב עמיצער האט ניט די אלע נויטיגע זאכען און ער האט אויך קיין געלד ניט זיי צו קויפען

גיט מען זיי איהם ארויס פון דער פאָלק-קראם און מען פאר-שרייבט אויף זיין רעכנונג און מיט דער צייט וועט ער דארפען באצאהלען. מיר פעהלען אויך איינעגע זאכען: אַ קעסטעל, אַ קאָלדרע א. ד. ג. און ווי עס זעהט אויס וועט מיר פון מיין געלד, וואס איך האב געבראכט מיט זיך גאר ניט איבערבלייבען. וויל פאר אַ קאָלדרע דארף מען צאהלען 3.50 ר. און פאר אַ קעסטעל 1.50 ר. . זעהר ניט גוט. ווער ווייסט ווען מיין פאטער וועט האבען די מעגליכקייט מיר שיקען עטוואס געלד און דערווייל איז זעהר ניט גוט צו זיין אין גאנצען אָהן געלד.

יעצט אז מיר טראגען שוין מיליטערישע קעפקעס דארפען מיר שוין, אזוי ווי אלע סאָלדאַטען אפגעבען כבוד אונזערע נאַ-טשאלניקעס: צולייגען די פינגער פון דער רעכטער האנד צו דעם שלייף פון קאָפּ ווען מיר זיינען נאהענט פון עמיצען פון זיי.

ד. טבת

אונזער לעהרע ווערט ביסלעכווייז פערגרעסערט. מען וועקט אונז אויף אום 6 אוהר. מיר פארבעטען אונזערע בעטען, רייניגען די קליידער און שטיוועל און עסען אנבייסען. אום 7:30 באקוקט אונז דער ווזוואדני צו מיר זיינען ריין גאנץ און ריכטיג אנגעטאן. ער באקוקט אויך אונזערע האָר פון קאָפּ. און מען פיהרט אונז ארויס אין דרויסען, וואו מיר געהען ארום אונטער דער פיהרונג פון איין אונטער-אפיצער (אַ נאַטשאלניק פון אַ קליינער מדרגה) ביי אַ 20 מינוטען. נאכהער קומען מיר צוריק אין קאזארמע, מיר טוען אָן די גימנאסטישע העמדער און דער ווזוואָדני לערנט אונז שטעהן, געהן, זיך קעהרען רעכטס און לינקס, זיך אויסקירעווען צוריק, אפגעבען עהרע צו די נאַ-טשאלניקעס און גימנאסטיקא. מען לערנט ביז 11 אוהר און מיר געהען ווידער ארויס אין דרויסען אויף 15-20 מינוטען. אום 12 אוהר עסט מען ווארמעס, נאך ווארמעס איז מען פריי

ביז 2 אוהר און יעדערער קאָן זיך טאָן זיין פּערזענליכע ארבייט אדער זיך צולייגען אפּרוהען. אום 2 אוהר אדער עטוואס שפּעטער זעצט מען זיך לערנען „SLOVESNOST״ (ווערטער־ליכע לעהרע) דאס איז די מיליטערישע „תורה״: די נעמען פון די נאטשאלניקעס און קאמאנדירען און זייערע טיטולען, די פליכטען פון דעם סאלדאט א. ז. וו. אום 5 אוהר ענדיגט מען לערנען און מען פיהרט אונז ווידער ארויס אין דרויסען אויף אַ 15-20 מינוטען און נאכהער זיינען מיר שוין פריי. אום 7 אוהר עסט מען וועטשערע (אבענד־ברויט) זופּ פון בולבעס און גרויפּען אדער עטוואס עהנליכעס און אום 9 אוהר שטעלט מען זיך צו דער „POVERKA״ (איבערצעהלען) מען צעהלט איבער די מענשען צו זעהן אויב אלע זיינען דא. דאס איבערצעהלען ווערט געטאן מיט איינינע צערעמאניעס: 15 מינוטען צו 9 ווערט געגעבען אַ סיגנאל דורך אַ באַראַבאַנשציק (פּויקער) וואס געפינט זיך אין אַ צימער פון דער קאזארמע. נאך דיעזען סיגנאל טוען אלע מענשען אָן זייערע שינעלען (אויבערמאנטלען) און שטעלען זיך אוועק אין 2 רייהען נאך די ווזוואדען נאך, און די ווזוואדני־קאמאנדירען רופען אויס פון אַ טאַבעלע די נעמען פון זייערע מענשען. יעדער אנוועזענדער, הערענדיג זיין נאמען ענטפערט: „איך״ און אויב נאך ועלכען נאמען ענטפערט קיינער ניט „איך״ דאן ווייס דער ווזוואדני אז דיעזער מאן איז אבוועזענד, און ער דארף וויסען וואו ער איז: צו איז ער ערגעץ אוועק געשיקט געווארען, צו ער איז קראנק א. ד. ג. און דעם רעזולטאט פון דער „פּאָווערקאַ״ ראפּארטירט יעדער ווזוואדני צו דעם פעלדפעבעל. נאכהער פּויקט דער באראבאנשציק איינינע מינוטען אַ ספּעציעלע פּוקעריי וואס רופט זיך „זאַריאַ״ און ווען ער ענדיגט זינגט מען די קריסטליכע נאכט תפלות און אַ ספּעציעלע תפלה פאר דעם געזונד פון דעם קיסר און זיין הויז און מען געהט שלאפען.

די אפיצערען קאן איך נאך ניט ווייל זיי קומען זעלטען אין קאזארמע. איך קאן בלויז די קליינע נאטשאלניקעס: דעם וזוואדני קאמאנדיר און דעם פעלדפעבעל. קיין אטדעליעני נאטשאלניק איז יעצט ביי אונז אין וזוואד ניטא. דער וזוואדני איז אַ גאנץ גוטמוטהיג קאַצאַפּעל אבער דער פעלדפעבעל איז אַ גראבער יונג, אַ בייזער און שלעכטער מענש. אימער געהט ער ארום ברוגז און זידעלט זיך אויף דעם רוססישען אופן.

דאס ערגסטע, צו וואס איך קאן זיך נאך בשום-אופן ניט צוגעוואוינען איז דאס, וואס דער ביה״כ איז ניט געמאכט מיט בעזונדערע פארמאכטע אבטהיילונגען, נאר 1 גרויסער צימער און מיר טוען אונזער בעדערפניש אין דער אנוועזענהייט פון פיעלע מענשען ווייל אימער געפינען זיך פיעל מענשען אין ביה״כ. די סאלדאטען, אריין קומענדיג אהין שטעלען זיך שוין אָפּ האפּען אַ שמועס, רויכען און אַ שטיק טאן.

מען האט שוין מיר ארויס געגעבען די זאכען וואס מיר האט אויסגעפעהלט. איך האב באצאהלט פיר אַ קאָלדרע 38. ר. 3. פיר אַ קעסטעל 49. 1ר. און פיר אַ ליילאך 49 קאפיקעס. איך האב אויך געמוזט קויפען נאך אַ גימנאסטישע העמד אום איך זאל איינע קאנען וואשען ווען זי ווערט קויטיג.

פאלשטענדיג פרייע צייט האבען מיר גאנץ וועניג, ווייל אין דער צייט וואס מיר זיינען פריי פון לערנען האבען מיר ארבייט אין קאזארמע, אין קיך א. ד. ג. וואס מיר טוען נאך דער רייהע נאך. יעדער איינער האט אויך פערזענליכע ארבייט: רייניגען די שטיוועל, דעם פּאַס מיט דעם קנאָפּ און אמאל פאר-ריכטען עטוואס פון די קליידער א. ד. ג. וואס פארנעמט פיעל צייט.

דער געלעגער איז ניט קיין שלעכטער. יעדער מענש האט אַ בעזונדער אייזערען בעטעל מיט אַ שטרויענעם מאטראץ און מיט אַ שטרויען קליין קישעלע. אונטער דעם בעטעל שטעהט דאס קעסטעל.

ז. טבת

היינט איז ביי אונז יום טוב. דעם קיסר'ס געבורטס-טאג און מיר זיינען פריי פון לערנען דעם גאנצען טאג. צו דער עהרע פון טאג האט מען געבראכט שנאפס און דער פעלדפעבעל האט אויפגעהויבען אַ כוס און האט אויסגערופען: „מיר טרינקען פאר דעם געזונד פון דעם קיסר, אוראַ!" און מיר האבען אויך אויסגעשריען „אוראַ" 3 מאל און יעדער איינער האט בעקומען אַ גלעזעל שנאפס.

אונזער לעהרע ווערט שווערער פון טאג צו טאג. עס איז זעהר שווער צו טאן אלעס ווי עס ווערט געפאדערט ווייל די געוואוינהייט איז שטארקער פון דעם שכל. איך פערשטעה צ. ב. ש. אז איך דארף שטעלען די פוס אדער זיך קערעווען אזוי און אזוי אבער ווען איך פרוביר דאס טאן קומט ארויס ניט אזוי און מיר דוכט זיך יעצט אז איך וועל קיין מאל ניט קאנען טאן אלעס ווי עס ווערט געפאדערט.

איך האב אַ קרוב אין מאסקווא, מר. ק. איז זיין נאמען. ווי עס זעהט אויס האט מיין פאטער צו איהם געשריבען וועגען מיר ווייל היינט איז ער געקומען אין קאזארמע און האט זיך מיט מיר בעקאנט. און האט מיך געבעטען קומען צו איהם ביי דער ערשטער מעגליכקייט. איך בין זעהר צופרידען פון דעם ווייל איך וועל אַמאל האבען אַ מעגליכקייט פארברייננגען אַ פּאָר שטונדען צווישען מענשען. דערווייל קאן איך זיך מיט זיין איינלאדונג ניט בענוצען ווייל די ערשטע 2 אדער 3 מאנאטען לאזט מען קיין יונגע סאלדאטען ניט ארויס געהן פו קאזארמע.

ח. טבת

אלע אלטע סאלדאטען מיט די אונטער-אפיצערען זיינען היינט אפגעפאהרען קיין פּ. צו היטען דארטען די אייזען באַהן איבער וועלכער דער קיסר דארף דורכפאהרען. מיט אונז יונגע זיינען איבערגעבליבען בלויז די אלטע סאלדאטען און דער

פעלדפעבעל. איינער פון די איבערגעבליבענע וועט אונז לער-
נען די מיליטערישע לעהרע.

יא. טבת

דיעזע וואך האט מען אנגעפאנגען אונז לערנען קלעטערען אויף אַ לייטער בלויז מיט די הענד. דאס ווערט געטאן אויף פאלגענדען אופן: מען שטעלט זיך אוועק אונטער דעם לייטער אזוי ווי ער שטעהט קאָסע אנגעשפארט אָן דער וואנד, מען גיט אַ שפרונג און מען האפט אָן איין סטאבליע מיטביידע הענד און מען ציהט דעם קערפער ארויף, נאכהער נעמט מען אָן מיט איין האנד א העכערע סטאפליע און מיט דער צווייטער האנד נאך א העכערע א. ז. וו. דיעזע ארבייט איז פאר מיר זעהר שווער, כמעט אונמעגליך צו ערלערנען און ווען איך גיב א שפרונג און האפ אָן א סטאבליע בלייב איך הייננען און קאן זיך ניט ארויף ציהען אפילו א ביסעל. אין אלגעמיין בעמערק איך אז גימנאסטיקא איז פאר מיר זעהר שווער, מיין קערפער איז דער צו ניט פעהיג און דאס פעראורזאכט מיר גרויסע שמערצען און ערגערניש. דערפאר אבער איז פאר מיר די „תורה", די ווערטערליכע לעהרע, ווי מען רופט זי דא, זעהר לייכט. דער לעהרער ווייס שוין, אז מיך דארף ער גאר ניט פרעגען און מיר גאר ניט זאגען ווייל איך ווייס שוין אלעס אליין און ווען מען לערענט די ווערטערליכע לעהרע איז מיר שרעקליך לאנגווייליג: איך זעה ווי מען לערנט א מענשען צעהנדליגע מאל עפעס אַ קליינינקייט: ווי מען רופט דעם אדער יענעם אדער וואס זיין טיטול איז און ער הויבט ניט אָן געדיינקען.

יט. טבת

מיט 3 טעג צוריק האבען זיך די אלטע סאלדאטען אום-געקעהרט פון זייער וועג, און יעצט אז עס זיינען שוין דא געננוג לעהרערס האט מען פערגרעסערט אונזער לעהרע. אויך די אפיצערען קומען יעדען טאג אין קאזארמע און גיבען אכטונג

אויף דער לעהרע און פיעלע מאל לערנען זיי זעלבסט. איינינע לערנונגען פאנג איך שוין אן ביסלעכווייז זיך אויסלערנען אבער מעהרערע זיינען מיר נאך זעהר שווער. די הויפט שוועריגקייט אין דעם לערנען איז דאס גרויסע פינקטליכקייט וואס ווערט געפאדערט ביי יעדער טהאט. צ. ב. ש. ווען מען געהט דאר-פען אלע מענשען געהן „מיט איין פוס" ד. ה. אלע דארפען אויפהויבען די רעכטע פוס אדער די לינקע אין דער זעלבער סעקונדע אזוי אז עס זאל אויסזעהן ווי איין מענש הויבט אויף די אלע פיס און אראפלאזען די פיס דארף מען אויך אלע צוזא-מען אין איין סעקונדע, אז עס זאל געהערט ווערען 1 קלאפ, 1 טראט, די רייהען דארפען זיין גלייך אין אַ גלייכער ליניע, קיין מענש זאל ניט זיין אריין גערוקט אדער ארויסגערוקט אפילו אויף אַ האר. ביי דער גימנאסטיקא איז אויך דאס זעלבע: ווען מען ווארפט די הענד הין און צוריק אדער מען ציהט אויס אַ פוס צו דער פראנט אדער צו דער זייט דארפען אלע מענשען דאס טאָן אין דער זעלבער צייט אזוי ווי איין מענש און ווי שטארק די בעוועגונג פון די הענד אדער פיס זאל ניט זיין דארף דער קערפער שטעהן ווי א האלץ און זיך ניט בעוועגען אויף אַ האר, א. ד. ג. אט דאס אונגעהויער שטרענגע פינקטליכקייט איז שווער, זעהר שווער אפצוהיטען.

פאר יעדער טהאט וואס מען דארף טאן איז דא א געוויסע, בעשטימטע „קאמאנדא" (בעפעהל) אין וועלכער עס ווערט בעפוילען די טהאט צו טאן. אום צו געבען די מענשען א מעג-ליכקייט זיך עטוואס צוגרייטען צו דער טהאט און די קאמאנדא זאל זיי ניט טרעפען צו פלוצלינג ווערט יעדע קאמאנדא, אדער בעפעהל איינגעטהיילט אין 2 טהיילען. די ערשטע טהייל רופט זיך „פארבערייטונגס בעפעהל" די צווייטע—רופט זיך „ערפילענדער בעפעהל". דער קאמאנדיר רופט אויס דעם פארבערייטונגס בעפעהל אוןווארט עטוואס אדער ער ציהט

אביסעל זיין קול ביי דעם לעצטען ווארט, אזוי אז די מענשען ווייסען שוין וואס פון זיי ווערט געפאדערט און זיי האבען דאס אין זינען און נאכהער ענדיגט דער קאמאנדיר מיט דעם ערפי-לענדען בעפעהל און די מענשען טוען וואס מען האט זיי בעפוי-לען. צ. ב. ש. דער בעפעהל צו געהן איז „SHAGOM MARSH" (מיט אַ שפּאַן, געה.) און ווען דער קאמאנדיר וויל בעפוי-לען צו געהן רופט ער אויס דעם פארבערייטונגס בעפעהל „SHAGOM........." און ציהט אביסעל זיין קול און ענדיגט מיט דעם ערפילענדען בעפעהל „.........MARSH!" און אלע מענשען פאנגען אָן צו געהן.

ביי דעם לערנען, ווען מען שטעהט אין רייהע גרייט עפּעס צו טאן, אדער „ווען מען שטעהט אין סטרוי" ווי מען זאגט דא טאר מען ניט א ריהר טאן מיט איין אבר, א שאקעל טאן מיט דעם קאפּ, א הוסט טאן א. ד. ג. מען דארף שטעהן בוכשטעב-ליך אזוי ווי אַ האלץ אריין געשטעקט אין דער ערד, ביז עס ווערט געגיבען א בעפעהל זיך צו האלטען „פריי".

דאס ערגסטע, צו וואס עס איז זעהר שווער זיך צוגעוואוי-נען איז די אייזערנע דיסציפלין וואס הערשט דא. אלעם וואס איין עלטערער פאדערט, אפילו עטוואָס וואס געהער ניט צו דעם סאלדאטס פליכטען מוז פּונקטליך, אהן קיינע ארגומענ-טען ערפילט ווערען. ווען אַ סאלדאט דערזעהט פאר זיך אַ נאטשאלניק, איבערהויפּט איין אפּיצער מוז ער זיך אוועקשטע-לען אויסגעצויגען און זיך ניט ריהרען. דאס ווערט דא גערופען „סמירנא" (אונטערטהעניג). אויב ער טראגט א קעפּקע אדער אַ היטעל דארף ער צולייגען די רעכטע האנד צום שלייף. ווען איין אפיצער געהט נאר אריין אין קאזארמע דארפען אלע מענשען זיך אויפשטעלען און בלייבען אהן בעוועגונג ביז דער אפיצער הייסט זיך אוועקזעצען. און אזוי אויף יעדען שריט און טריט ווערט געפאדערט פון דעם סאלדאט ער זאל זיין פער-

זענליכקייט אין גאנצען דערשטיקען געגען דעם נאטשאלניק. יעדער נאטשאלניק אפילו דער קלענסטער האט איין אונגע־הויערע מאכט איבער זיינע אונטערגעארדנעטע און די קליינע נאטשאלניקעס, איינפאכע אונענטוויקעלטע פויערען נוצען אוים דיעזע מאכט אויף דעם גרעבסטען אופן. איבערהויפט ליידען דער פון די אידען, וועלכע מען האט דא אין אלגעמיין ניט זעהר ליעב...

אין יעדען ווזוואד ווערט בעשטימט אַ מאן נאך דער רייהע יעדען טאג צו טאן די ארבייט פון דעם ווזוואד: האלטען ריין דעם פּלאץ וואס דער ווזוואד פארנעמט, אויסווישען די פענסטער, אויסרייבען דעם האנד־פאס פון וועלכען מען וואשט זיך, אריין לייגען זאמד אין שפּיי־קעסטעל א. ד. ג. דער מאן וואס טוהט אט די אלע ארבייט ווערט גערופען „דניוואלני אין ווזוואד" ווייל ער ווערט בעשטימט אויף אַ טאָג.

נעכטען האט מען אונז ארויסגעגעבען מיליטערישע קליידער: אַ שינעל (אויבער מאנטעל) אַ מונדיר (א קורצער ראק) און הויזען. דער שינעל און דער מונדיר ווערען געגעבען אויף 2 יאהר און די הויזען אויף 1 יאהר. די קליידער זיינען ניט קיין נייע און עס וועט קאסטען פיעל מיה זיי צו האלטען גאנץ און אין ארדנונג.

דיעזע וואך האט מען אנגעפאנגען אונז לערנען צונעמען און צוזאמענשטעלען אַ ביקס, ווי אזוי זי צו רייניגען און די נעמען פון יעדער טהייל. ווי עס זעהט אוים וועט מען אונז אין גיכען ארויס געבען ביקסען.

כ"ג טבת

דיעזע וואך איז ביי אונז געווען איין אויסערגעוועהנליכער פאַל. אַ גרויסער גענעראל איז געקומען זעהן צו אלעס איז אין ארדנונג און צו די סאלדאטען האבען אלעס וואס זיי דארפען האבען נאך דעם געזעץ. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען די

גאנצע בהלה, צומישעניש און צוטומלעניש וואס האט גע-
הערשט אין קאזארמע פון זינט עס איז געקומען די נאכריכט
וועגן דעם גענעראלס בעזוך ביז מען האט איהם איבער גע-
פטר'ט. מען האט געארבייט מיט דער גאַל, מען האט יעדער
זאך צעהנדליגע מאל איבער גערייניגט און איבער געפוצט.
די גאנצע קאזארמע, דער הויף און אַ גרויסער פלאץ ארום איז
געמאכט געווארען פינקעלדיג ריין. אין דעם יום-הדין זעלבסט
זיינען מיר אויפגעשטאנען אום 4 אוהר פריה און אלעס איז פון
דאס ניי איבערגערייניגט געווארען. אויך די אפיצערען זיינען
געקומען ווען עס איז נאך געווען פינסטערלאך און זיינען ארום
געלאפען ווי פערסמטע. עס איז אויך געקומען דער באַטאַ-
ליאָני קאמאנדיר, אַ הויכער, בייזער שרייענדער אָפיצער און
האט אלעמען געוואלט דורס זיין. ביסלעכווייז איז אלעס גע-
בראכט געווארען אין ארדנונג און מען האט זיך בערוהיגט.
ארום 11 אוהר איז געקומען דער גענעראל אין בעגלייטונג פון
פיעלע אפיצערען און האט אונז בעגריסט מיט דעם געוואוינליכען
„ZDOROVO BRATZI" (אַ געזונד אייך ברידערלאך) און
מיר האבען געענטפערט דעם בעשטימען, איינגעשטודירטען
ענטפער „ZDRAVIA JELAYEM VASHE PREVOSCHO-
DITELSTVO" (מיר ווינשען געזונד אייער אויסגעצייכענט-
קייט) אזוי אז די פענסטער האבען געציטערט. נאכהער האט
ער ארומגעקוקט אלעס האט געפרעגט איניגע כאלדאטען פער-
שיעדענע פראגען האט זיך געהייסען ווייזען פערשיעדענע זאכען
און איז אוועקגעגאנגען.

אַ סאלדאט פון מיין וזוואד איז בעשטראפט געווארען
מיט שטרענגען ארעסט אויף 5 טעג דער פאר וואס זיין העמד
איז ניט געווען גענוג ווייס. ער האט געדארפט אָנטאהן א
העמד אין דעם פריה-מארגען פון דעם גענעראלס בעזוך און ער
האט זי אנגעטאהן מיט אַ טאג פריהער.

דער שטרענגער ארעסט בעשטעהט אין פאלגענדען: דער מענש ווערט פארשלאסען אין אַ בעזונדער קעמערעל וואס מען רופט „קאַרצער", ער שלאפט אויף אַ באנק אהן אַ קישען און צודעק. און זיין שפייז איז ברויט מיט וואסער. נאר 1 מאל אין 3 טעג בעקומט ער אַ געוואוינליכען מאלצייט.

כ"ה טבת

היינט איז יום טוב, גאטס געבורטס-טאג און מיר זיינען פריי פון לערנען. אויך מארגען וועלען מיר זיין פריי. נעכטען נאך ווארמעס האבען מיר אנגעפאנגען זיך גרייטען צום יום טוב מיר האבען אלעס איבער גערייניגט און מען האט אונז ארויס געגיבען פיינערע קליידער. פארנאכט איז געקומען דער פאָלק-גלח (יעדער פאלק האט אַ שטיקעל קלויסטער מיט א שטענדיגען גלח) מיט א גרויסען צלם אין האנד און האט אונז געבענשט און האט פארגעלעזען אַ קורצע תפלה. נאכהער האט ער זיך געווענדעט צו אונז און האט געזאגט: „קינדער! ווייסט, אז היינט איז אַ גרויסער, הייליגער יום טוב, קריסטוסעס געפורטה, אלזא אנשטאט אויסגיבען געלד אויף שנאפס און נאשערייען קויפט גלייכער ליכט אנצוצינדען פאר זיין בילד און דער פאר וועט ער אייך זיכער בענשען." — ווען דער גלח איז אוועק געגאנגען האט מען די קריסטען אוועק געפיהרט אין קלויסטער. אויך היינט פריה זיינען די קריסטען געגאנגען אין קלויסטער. ווען זיי זיינען געקומען פון קלויסטער האט מען געבראכט שנאפס, קליינע 5 קאָפיקענע בולקעס (ווייסע ברויט-לאך) און פלייש. דער פעלדפעבעל האט געטרונקען דעם ערשטען כוס פאר דעם געזונד פון דעם קיסר און זיין הויז. נאכהער האט מען יעדען איינעם געגעבען אַ גלעזעל שנאפס, אַ בולקע און אַ דאפעלטע פארציע פלייש, ד. ה. צוויי מאל אזוי גרויס ווי דאס שטיקעל פלייש וואס מען בעקומט יעדען טאג.

איך האב היינט געפרעגט דעם וזוואָדני-קאמאנדיר צו איז מעגליך מען זאל מיך אפּלאזען אין שטאט אריין אויף איינינע שטונדען, אבער ער האט מיר געזאגט אז עס איז נאך ניט ער-לויבט צו לאזען יונגע סאלדאַטען אוועק געהן פון קאזארמע. און אזוי שלעפּט זיך די צייט אהן קיין ענדערונג, אין איין פארמע, אין איין קאליר. איך זעה קיין זייטיגע מענשען, איך רייד קיין ווארט ניט וועגען עפּעס א גייסטיגען אדער געזעלשאפטליכען ענין. קיין בוך און קיין צייטונג לעז איך ניט. עס איז איינפאך שוידערליך. מען זאגט אין שפּאס אז אַ סאלדאט פערלירט זיינע געהירען, און ווי עס זעהט אוים איז דאם ניט ווייט פון אמת. יעדער מענש קאן פארגרעבט און פארטומפּט ווערען אויב אין פערלויף פון פיער יאהר הערט ער ניט מעהר ווי „שטעה, געה, רעכטס, לינקס" אין די לעהרע שטונדען און עקעלהאפטען נבול-פּה אין דער פרייער צייט.

דאס מיליטער איז איינגעטהיילט אין פיעל קערפּערשאפטען אדער טהיילען. יעדער טהייל, אנפאנגענדיג פון דער קלענס-טער געהער צו עטוואס אַ גרעסערער טהייל און די גרעסערע— איז אַ טהייל פון נאך אַ גרעסערער א. ז. וו. ביז צו דער ענדע. יעדער טהייל, אנפאנגענדיג פון דער קלענסטער האט איבער זיך איין אויבער האר אדער נאטשאלניק וועלכער האט איבער זיינע אונטערגעארדנעטע איין אונגעהויערע מאכט. די מאכט וואקסט פון שטופע צו שטופע, וואס גרעסער דער נאטשאלניק איז, ד. ה. וואס גרעסער עס איז די קערפּערשאפט, אדער טהייל איבער וועלכער ער איז געשטעלט אלץ גרעסער ווערט זיין מאכט, אזוי אז די גרעסערע נאטשאלניקעס: דער ראטני-קאמאנדיר, דער באטאליאני-קאמאנדיר און העכער האבען איבער דעם סאלדאט כמעט איין אונבעגרענצטע הערשאפט.

פאלגענדע זיינען די מיליטערישע טהיילען נאך דער רייהע: א ט ד ע ל ע נ י ע. דאס איז די ערשטע, קלענסטע מיליטערישע

טהייל. זי בעשטעהט פון 8 אדער 10 מענשען. איהר הויפט, אדער נאטשאלניק איז דער אטדעלאָני-נאטשאלניק, מעהרס-טענס אַ יעפרייטאר, איין איינפאכער סאלדאט וואס איז עטוואס דערהויבען געווארען.

וו ז ו ו אָ ד. בעשטעהט פון 2 אטדעלעניעס. זיין נאַ-טשאלניק איז דער ווזוואָדני-קאמאנדיר אַ אונטער-אפיצער, איין איינפאכער סאלדאט, וואס איז דורכגעגאנגען אַ קליינעם קורס מיליטערישע לעהרע, וואס רופט זיך „די לעהרע קאמפאניע" (UCHEBNAYA COMANDA).

ר אָ ט אַ. בעשטעהט פון 4 ווזוואדען. איהר נאטשאלניק איז דער ראטני-קאמאנדיר איין אפיצער, מעהרסטענס א קאפי-טאן. די ראטע ווערט נאך איינגעטהיילט אין 2 האלבע ראטעס און יעדער האלבע ראטע האט אַ האלב-ראטני קאמאנדיר אַ פּאָרוטשיק אדער אַ פּאָדפּאָרוטשיק, אבער דיעזע צוטהיילונג פון דער ראטע איז ניט זעהר בולט, ניט אנזעהענד. זי איז צו-טהיילט בלויז צוליעב דער לעהרע, יעדער האלבע ראטע לערנט זיך מאנכעס מאל בעזונדער און די האלב ראטני קאמאנדירען ווערען מעהרסטענס גערופען: קלענערע אפיצערען פון דער ראטע ד. ה. קלענערע אפיצערען פון דעם ראטני קאמאנדיר. די ראטע האט נאך אַ פעלדפעבעל, אזא מין אונטער אפיצער וואס איז אזוי ווי אַ געהילף ביי דעם ראטני קאמאנדיר אכטונג צו גיבען אויף דער ארדנונג און צו פערוואלטען די בעלהביתיש-קייט פון דער ראטע. צו דעם ראנג פעלדפעבעל ווערט מעזהרס-טענס דערהויבען איין אונטער-אפיצער, וואס איז געבליבען דיענען א צווייטען טערמין. עס זיינען דא פעלדפעבעלס, וואס זיינען גרוי געווארען אין מיליטער דיענסט.

ב אַ ט אַ ל י אָ ן. בעשטעהט פון 4 ראטעס. זיין נאַ-טשאלניק איז דער באטאליאָני-קאמאַנדיר. געוואוינליך אַ פּאָדפּאָלקאָווניק.

פּאָלק. בעשטעהט פון 4 באַטאַליאָנען. זיין נאַ-טשאלניק איז דער קאמאנדיר-פּאָלקאַ מעהרסטענס אַ פּאָל-קאָווניק. אויסער די 16 ראטעס פון די 4 באטאליאנען געפינט זיך נאך אין פאלק אַ זיבעצעטע ראטע וואס האט צו טאָן מיט דער בעלהביתישקייט פון פּאָלק און טוהט פערשיעדענע ארבייט דיעזע ראטע רופט זיך „ניעסטראָיעוואיאַ״ ד. ה. זי נעמט ניט קיין אנטהייל אין דער מיליטערישער לעהרע און אין צייט פון קריעג געהט זי ניט דירעקט אין שלאכט מיט דעם שונא, נאר זי בעזארגט די בעדערפנישען פון פאלק.

בריגאַדאַ. בעשטעהט פון 2 פּאָלקען. איהר נאַ-טשאלניק איז דער בריגאדני קאמאנדיר, געוואוינליך אַ גענע-ראל-מאַיאָר.

דיוויזיאַ. בעשטעהט פון 2 בריגאַדעס. איהר נאַ-טשאלניק איז דער נאטשאלניק-דיוויזיא געוואוינליך אַ גענעראל-לייטענאַנט.

קאָרפּוס. דער קארפּוס איז ניט צוזאמענגעשטעלט פון אַ געוויסער, בעשטימטער צאהל מיליטערישע קערפּער-שאפטען, אזוי ווי די דיוויזיא צ. ב. ש. בעשטעהט פון 2 ברי-גאדעס, ניט מעהר און ניט ווענינער. איין קארפּוס קאן זיין גרעסער און אַ צווייטער קארפּוס קאן זיין קלענער און ער איז צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענע סאָרטען מיליטער: 3 אדער 4 דיוויזיעס פוסגעהער, איינינע פאלקען רייטער און איי-ניגע בריגאדעס ארטילעריע, אויך הילפס-מיליטער ווי בריקען-בויער טעלעגראפען און טעלעפאנען איינריכטער א. ד. ג. אזוי אז דער קארפּוס קאן אנפיהרען אַ שלאַכט גאנץ זעלבסטשטענ-דיג, האבענדיג אלע נויטיגע סארטען מיליטער. זיין נאטשאלניק איז דער קארפּוסני קאמאנדיר, אַ פאלשטענדיגער גענעראל. העכער פון דעם קארפּוסני קאמאנדיר איז דער אויבער-קאמאנ-דיר פון דעם אָקרוג-מיליטער: דאס לאנד איז איינגעטהיילט

אין מיליטערישע אָקרוגען, (קרייזען, ראַיאָנען וואס בעשטעהען פון איינינע גובערניעס יעדער) און דאס גאנצע מיליטער וואס געפינט זיך אין אקרוג האט איין אויבער קאמאנדיר, געוואוינליך גאר אַ גרויסער יחסן, אַ קרוב למלכות. און איבער אלעמען שטעהט דער קיסר זעלבסט.

אויסרעכענענדיג די מיליטערישע טהיילען האב איך פאר-בייגעהענדיג אויך אויסגערעכענט דעם סאלדאטס נאטשאלני-קעס. פון דיעזע—די ערשטע 3, דער יעפרייטאר, דער אונטער אפיצער און דער פעלדפעבעל קומען פון די רייהען פון די איינ-פאכע סאלדאטען און זיי ווערען גערופען „ניעדריגע טשינעס" אזוי ווי די איבריגע סאלדאטען. העכער אבער פון דעם פעלד-פעבעל ווערען שוין גערופען „אפיצערען" און קומען פון אַ העכערען קלאס. אום צו ווערען איין אפיצער מוז אַ מענש ענדיגען אַ גימנאזיע און דורכגעהן א מיליטערישע שוהל. די אפיצערען בעקומען א גוטען געהאלט און וואוינען זיך אין בע-זונדערע וואוינונגען, מעהרסטענס אויסער דער קאזארמע. זיי טראגען פיינע, גוטע קליידער מיט זעהר שעהנע פאָגאָנעס (אַקסעל בענדער) געוועבט פון מעטאלענע פעדים. זייער געוועהר איז א שווערד און אַ רעוואלווער.

אלע אפיצערען און אונטער אפיצערען, סיי פון די טהיילען אין וועלכער ער דיענט, סיי פון אנדערע טהיילען ווערען גע-רעכענט אלס דעם סאלדאטס נאטשאלניקעס און ער מוז זיי אפגיבען כבוד און זיי פאלגען. דער אונטערשיעד איז נאר, וואס די אפיצערען און אונטער אפיצערען פון די טהיילען אין וועלכע ער דיענט, צ. ב. ש. דער קאמאנדיר פון זיין ווזוואד אדער פון זיין ראטע א. ז. וו. ווערען גערופען דירעקטע נאַ-טשאלניקעס און זיי קאנען איהם בעשטראפען ווען זיי ווילען און די אפיצערען און אונטער אפיצערען פון פרעמדע טהיילען זיינען טאקע נאטשאלניקעס אבער בעשטראפען איהם קאנען

זיי ניט און ווען זיי ווילען איהם בעשטראפען דארפען זיי איהם פארקלאגען פאר אַ דירעקטען נאטשאלניק.

איך האב געזאגט אז אויך די אונטער אפיצערען זיינען דעם סאלדאטס נאטשאלניקעס און ער איז מחויב זיי אפגיבען כבוד, צולייגענדיג די האנד צום שלייף, אבער דיעזער „דין" ווערט ניט אויסגעפאלגט. בלויז די יונגע סאלדאטען טהיילען צו דיעזע עהרע דעם אונטער אפיצער, די אלטע אָבער טוען דאס ניט און קיינער מאכט דערפון קיין וועזען ניט.

אין אונזער ראטע זיינען דא 2 קלענערע אפיצערען: פארוטשיק מ. און פאדפארוטשיק ק.. מר מ. איז אַ גאנץ וואויל מענשעל אָהן חכמות און מר ק., נאך גאר אַ יונגער מאנטשיק, האט ליעב צייגען אז ער איז איין אפיצער, אַ הערשער. אונזער ראטני קאמאנדיר, קאפיטאן פ. ביי 45 יאהר אלט, איז אַ גאנץ ערנסטער און שטרענגער מענש, אבער צו די יונגע סאלדאטען איז ער זעהר פריינדליך און אלע ליעבען איהם. אונזער באטאליאני-קאמאנדיר, פּאָדפּאָלקאָווניק ס. איז אַ שלעכטער, בייזער מענש, א שרעקליכער כעסן. אז ער קומט אין קאזארמע פאלט א שרעק אויף אלעמען. זיין געשריי איז מורא'דיג, און מאנכעס מאל בענוגענט ער זיך ניט מיט קיין געשריי... אלע האסען איהם ווי דעם טויט. די העכערע אפיצערען קאן איך נאך ניט.

דאס ריינקייט ווערט שטארק אפגעהיט. די קאזארמע איז אימער פינקלענדיג ריין. יעדען דיענסטאג און שבת נאך ווארמעס לערנט מען ניט נאר מען פערנעמט זיך מיט רייני-גונגס ארבייט. דיענסטאג וואשט מען די דילען און מען געהט אין באד אריין וואו יעדערער וואשט זיינע אונטער-וועש און שבת וואשט מען די דילען, מען רייניגט ארום דאס מעבעל און די ווענט, מען טראגט ארויס די מאטראצען און קישענס, קאלדרעס און ליילאכער אין דרויסען, מען לופטערט זיי דורך

און מען קלאפּט אויס דעם שטויב פון זיי. אויסער דעם אלעמען ווערט יעדען טאג בעשטימט אַ מאן פון יעדען ווזוואד צו האל־טען ריין דעם פּלאץ וואס דער ווזוואד פארנעמט.

דאס עסען איז ניט שלעכט, אבער אביסעל ווינציגלאך. מען בעקומט בלויז 1 געגוגענדען מאלצייט אין טאג—ווארמעס. דער ווארמעס בעשטעהט פון אַ קליין שטיקעל פלייש ביי ¼ פונט, זופּ אדער בארשטש און אביסעל קאשע פון הרעטשענע גרויפּען. דאס פלייש ווערט צושניטען און צואוואויגען אין גלייכע שטיקלאך אדער „פּאָרציעס״ ווי מען רופט זיי דא. יעדער פּארציע ווערט ארויף געשטאכען אויף אַ הילצערען שטעקעלע און אזוי ווערען זיי פערטהיילט צווישען די מענשען פון דער ראטע. 2 מאל אין וואך, מיטוואך און פרייטאג גיט מען ניט קיין פלייש און מען מאכט דערפאר עטוואס אַ בעסערען געריכט מעהרסטענס גיט מען אין די דערמאנטע 2 טעג אַ זופּ פון ארבעס.

אין אווענד גיט מען אביסעל זופּ, וואס איז ניט איבריג גוט עפּעס אביסעל ווארעמע וואסער מיט אביסעל האָבערנע גרויפּען און די מעהרסטע מענשען געהען ניט עסען די וועטשערע (אווענד-ברויט) און עסען ברויט מיט טיי. אין דער פריה גיט מען ניט קיין זאך צום עסען און אלע עסען טיי מיט ברויט. ווער עס האט געלד קויפט זיך עפּעס צום עסען.

ברויט בעקומט מען גענוג. עס איז בעשטימט פאר יעדען מענשען 3 פונט ברויט א טאג. פיעלע נעמען וועניגער ברויט און בעקומען יעדען מאנאט עטוואס געלד פאר דעם איינגע־שפּארטען ברויט.

אכטונג צו גיבען אויף דער ארדנונג און ריינקייט אין דער קאזארמע, אדער „אין ראָטע״, ווי מען זאגט דא ווערען בעשטימט יעדען טאג 1 דיעזשורני און 2 דניוואלנים. פאר אַ דיעזשורני בעשטימט מען מעהרסטענס איינעם פון די עלטערע אַ יעפרייטאר

אדער איין אונטער-אפיצער. איהם איז אונטערטהעניג די גאנצע ראטע. ער גיט אכטונג מען זאל אויפשטעהן, אנפאנגען לערנען א. ז. וו. אין דער צייט וואס איז בעשטימט. ער גיט אכטונג אלעס זאל זיין ריין. אויב ווער עס איז ווערט קראנק שיקט איהם דער דיעזשורני צום דאקטאר. ער שיקט מענשען צו טאן פערשיעדענע ארבייט וואס ווערט געפאדערט. ווען עס קומט אריין אין קאזארמע איין אפיצער פון די דירעקטע נאטשאלניקעס קומט דער דיעזשורני איהם אנטקעגען און ראַפארטירט איהם וועגען דעם צושטאנד פון דער ראטע: אזוי פיעל קראנקע, אזוי פיעל אבוועזענד א. ז. וו. דער דיעזשורני טראגט זיין אמט איין מעת-לעת און ווערט אומגעביטען דורך איין אנדערען. ער טאר ניט שלאפען דעם גאנצען מעת-לעת. צו הילף דעם דיעזשורני ווערען בעשטימט 2 דניוואלנים פאר 2 אומביטונגען. יעדערער פון זיי טראגט דעם אמט 4 שטונדען און ווערט אומגעביטען פון דעם צווייטען און איז פריי 4 שטונדען. נאכהער טראגט ער וויעדער דעם אמט 4 שטונדען און דער צווייטער איז פריי א. ז. וו. ביז דער מעת-לעת געהט פאראיבער און אנדערע צוויי קומען אויף זייער פלאץ. ביינאכט טאר דער דניוואלני ניט שלאפען אין די שטונדען וואס ער טראגט דעם אמט. די הויפט פליכט פון דעם דניוואלני איז אכטונג גיבען עס זאל קיין זאך ניט גע'גנב'עט ווערען. ווען עס קומט אריין איין אפיצער אין קאזארמע דארף דער דניוואלני אויסרופען אויף אַ קול „VSTAT, SMIRNO!" (אויפשטעהן, אונטערטהעניג!) אום די מענשען זאלען וויסען אז איין אפיצער איז אריין געקומען און זיי דארפען אויפשטעהן. אויב עס קומט אריין איין אפיצער פון די דירעקטע נאטשאלניקעס דארף דער דניוואלני נאך אַ געשריי טאן: „דיעזשורני פון דער און דער ראטע!" אום דער דיעזשורני זאל ארויס קומען און מקבל פנים זיין דעם אפיצער. פון 9 אוהר אוועגד ביז 6 אוהר פריה רופט

מען ניט אוים „VSTAT, SMIRNO" אום ניט צו וועקען די שלאפענדע, נאר ווער עס שלאפט ניט און זעהט דעם אפיצער גיט ער איהם אָפּ כבוד. עס ווערען נאך בעשטימט דיעזשורנים און דניעוואלנים פאר פערשיעדענע פלעצער: פאר דער קיך 1 דיעזשורני אכטונג צו גיבען אויף דעם ריינקייט און אז מען זאל אריין לייגען אין קעסעל די פולע וואג און מאס שפייז ארטיקלען וואס עס פאדערט זיך און די קוכערס זאלען ניט גנב'ענען. פאר דעם הויף 1 דניוואלני אכטונג צו גיבען אויף דעם ריינקייט, און נאך אין פיעלע פלעצער.

אכטונג צו גיבען אויף דער ארדנונג אין דער גאנצער קאַזארמע ד. ה. אין אלע צימערען און אין אלע ראטעס וואס געפינען זיך אין איהר, אויך אין די פערשיעדענע אינסטיטוציאנען: די בעקעריי, די קיכען, דער אָקאָלאָדאָק (דער צימער וואו דער דאקטאר בעקוקט און אונטערזוכט די קראנקע) א. ז. וו. ווערט בעשטימט יעדען טאג איין דיעזשורני אפיצער און איהם צו הילף איין דיעזשורני פעלדפעבעל. דעם דיעזשורני אפיצער זיינען אונטערווארפען אלע דיעזשורנים און דניוואלנים פון דער קאזארמע. אויב עס פאסירט עטוואס אויסער געוועהנליכעס אין קאזארמע ווערט דאס באלד ראַפּאָרטירט צו דעם דיעזשורני אפיצער. ווען מענשען געהען אין שטאט אריין בעקוקט זיי דער דיעזשורני אפיצער צו זיי זענען ריין און ריכטיג אנגעטאָן. א. ד. ג.

אלע דיעזשורנים און דניוואלנים נעמען אָן זייערע אמטען ביי 11 אוהר פריה. אביסעל פריהער קומען זיך אלע צוזאמען אין איין פלאץ לעבען דעם דיעזשורני צימער (דער צימער וואו דער דיעזשורני אפיצער געפינט זיך) און דער דיעזשורני אפיצער בעקוקט זיי, גיט זיי געוויסע אינסטרוקציעס פאר דעם טאג און צושיקט זיי אויף זייערע פלעצער.

די בעציהונגען פון די קריסטליכע סאלדאטען צו די אידישע

זיינען ניט קיין גוטע. יעדער איינער קוקט אויף דעם אידען ווי אויף אַ ניעדעריגערען פון זיך און טראגט אין הארצען אַ שנאה צו איהם. נאר די אלטע סאלדאטען, וועלכע האבען שוין גע-לעבט אַ געוויסע צייט מיט זייערע אידישע „קאמעראדען" און האבען געווים פיעל געליטען צוזאמען צייגען ניט ארוים זייער שנאה אזוי אפט און אזוי גראב, די יונגע סאלדאטען אבער זיינען גרויסע אידען-פיינד און פרובירען אפילו ניט דאס צו פערבארגען. כמעט אלע אונזערע אונטער-אפיצערען און אי-בערהויפט דער פעלדפעבעל פערפעהלען ניט קיין געלעגנהייט איין איבריגען שטאך טאָן אַ אידען, וואס האט געהאט דעם אומגליק מיט עפּעס ניט נושא-חן זיין ביי זיי, אדער עפּעס ניט ריכטיג טאָן ביי דער לעהרע און דאס ווארט „זשיד" ווערט גאנץ אפט מיט טיעפער שנאה און פעראכטונג דערמאנט. דאס זעלבע קאן געזאגט ווערען וועגען די אפיצערען אויסער דעם ראטני-קאמאנדיר אין וועלכען איך האב נאך דערווייל ניט בעמערקט קיין ספּעציעלע שלעכטע בעציהונג צו אידען.

די לאגע פון דעם יונגען סאלדאט איז בעזאנדערס ניט גוט. אריינפאלענדיג פלוצלינג אין אַ ווילד פרעמדער סביבה מיט אונבעקאנטע שטרענגע ארדנונגען פערליערט זיך דער יונגער סאלדאט און פיהלט זיך עפּעס אזוי ווי א שטרויעלע אין אַ ברויזענדער חוואליע און די ארומיגע אונענטוויקעלטע, גראבע מאססע נוצט אוים דיעזען גייסטיגען צושטאנד דיעזע צושראקענהייט פון דעם יונגען סאלדאט צו בעפריעדיגען איהר ווילדען לוסט צו הערשען, צו אונטערדריקען, צו צייגען אוי-בערמאכט. אפילו די איינפאכע אלטע סאלדאטען קוקען אויף די יונגע אזוי ווי פון אויבען ארונטער און ריידען צו זיי מיט אַ טאָן פון הערשער און די קליינע נאַטשאלניקעס. די אטדעליאני און ווזוואדני קאמאנדירען טרינקען איינפאך זייער בלוט. זיי דריקען און שטיקען דעם יונגען סאלדאט, בייזערען זיך און

שרייען אויף איהם פאר גאר ניט און פאר יעדער מינדעסטער נארישקייט בעשטראפען זיי איהם מיט ארבייט, מיט לויפען הין און צוריק איבער דער קאזארמע און אמאל אויך מיט אַ שטורך, מיט אַ קלאפּ. יעדער ארבייט, ווי גוט ער זאל זי ניט טאן צווינגען זיי איהם טאן נאך אמאל און נאך אמאל. זייער בעסטער צייט פערטרייב איז זיך לוסטיג מאכען איבער די יונגע סאלדאטען, זיי צווינגען טאנצען אדער פארבייגעהן הין און צוריק און זיי אפגיבען זייער כבוד „נעמענדיג פּאַד-קאזעראק״ (צולייגען די פינגער פון דער רעכטער האנד צום שלייף) א. ד. ג.

דער יונגער סאלדאט ווערט דא גערופען „גרויער באָק״ און ווען אַ יונגער סאלדאט וויל זיך פאר עפּעס פארענטפערען אדער אויס׳טענה׳ן גיט דער עלטערער, דער נאטשאלניק אַ טופּ מיט דער פוס און אַ געשריי: NE RAZSUZHDAT! SERY" „BARAN (ניט גע׳טענה׳ט! גרויער באָק.) און דאס איז שוין דער אלהעכסטער דעקרעט, געגען וועלכען מען טאר שוין קיין ווארט ניט אויסריידען.

עס פערשטעהט זיך אז דער אידישער יונגער סאלדאט ליידעט פיעל מעהר ער ווערט געדריקט אי אלס איד אי אלס „גרויער״

דער הויפּט ליידען די יונגע סאלדאטען פון דער „מאָרגען בעקוקונג״. יעדען פריה מארגען ביי 7:30 אוהר בעקוקען די אטדעליאני אדער ווזוואדני קאמאנדירען די יונגע סאלדאטען צו זיי זיינען ריין, גאנץ און ריכטיג אנגעטאהן און צו די האר פון קאָפּ זיינען ריין און אין ארדנונג און דא האבען שוין די נאַ-טשאלניקעס אַ ברייט פעלד צו „דערגעהן די יאהרען״. ביי דעם געפינט מען אַ שפּרינקעלע אויף דעם מונדיר הייסט מען איהם דורכלויפען די קאזארמע הין און צוריק, ביי דעם זעהט זיך עט-וואס ארויס א שטיקעל פאדים פון דעם שינעל שיקט מען איהם

אויף ארבייט ניט נאך דער רייהע א. ד. ג. די אָנוטשעס (שטיקלאך לייוועגד מיט וועלכע מען וויקעלט ארום די פיס אנשטאט זאקען) מוז מען אלע טאג אומבייטען, די שטיוועל מוזען פינקלען א. ז. וו. א. ז. וו...

דער „דין" פאדערט אז די אלטע סאלדאטען זאלען אויך בעקוקט ווערען יעדען פריה-מארגען אבער דאס ווערט זעלטען אויסגעפאלגט און ווען מען בעקוקט זיי יא אמאל איז מען מיט זיי קיין האלב ניט אזוי שטרענג ווי מיט די יונגע.

א. שבת

גרויס הארץ וועהטאג לייד איך די לעצטע צייט. מען האט אנגעפאנגען אונז לערנען איינינגע נייע גימנאסטישע טהאטען צו וועלכע עס פאדערט זיך אַ געוויסע מאס פלינקקייט און מיר פעהלט דיעזע אייגענשאפט. צ. ב. ש. קלעטערען אויף אַ הויכען הילצערנעם שטאנג וואס איז אריין געשטעקט אין דעם דיל, קלעטערען אויף אַ שטריק וואס הייגגט אראפ פון דער סטעלי א. ד. ג. די עלטסטע זיינען אין כעס און זידלען זיך און איך מיט מיין גאנצען ווילען, מיט מיין גאנצער אנשטרענ-גונג קאן דערצו ניט העלפען. מיין קערפער איז אזוי ווי פון בליי אויסגעגאסען און עס פעהלט איהם די בעוועגונגס פעהיג-קייט. דער פאר אבער צייכען איך זיך אויס מיט דער „ווער-טערליכער לעהרע". איך האב געקויפט אַ לעהר-ביכעל און האב שוין כמעט אויסגעלערענט די גאנצע „תורה" און דער וזוואדני ווייסט אז ער דארף שוין אויף מיר קיין צייט און מיה ניט פערוועגדען און דאס פארגרעסערט אביסעל מיין ווירדע אין ראטע.

נעכטען האט מען אונז ארויסגעגעבען ביקסען אדער „ווייבער" ווי מען זאגט דא אין שפאס.

אין דער לעצטער צייט האט מען אנגעפאנגען פארברייננען אביסעל מעהר צייט אין דרויסען אין דער פריה ביי טאג און

פאר נאכט. מען לערנט אונז פערשיעדענע טהאטען: זיך אויסשטעלען אין שורות, פארדאפלען די שורות, זיך אומדרעהען צוריק, געהן, לויפען, זיך קעהרען הין און הער א. ד. ג. דיעזע אלע טהאטען ווערען גערופען מיט דעם אלגעמיינעם נאמען: „סטרוי לעהרע״.

איין מאל אין איינינגע וואכען ווערט געמאכט אַ מעדיציני-שע בעקוקונג. עס קומט דער פּאָלק-דאקטאר מיט אַ העלפער אלע סאלדאטען טוען זיך אויס נאקעט און קומען צו צום דאק-טאר איינציגווייז און ער בעקוקט יעדען איינעם און אויב ער בעמערקט אויף אַ מענשען עפּעס פערדעכטיגעס שיקט ער איהם אין אָקאָלאָדאָק (דער צימער וואו מען אונטערזוכט די קראנקע.

לויט אַ פעראָרדנונג פון דעם קאמאנדיר-פאלקא האט מען אויפגעהערט ארויסגיבען ברויט יעדען איינעם בעזונדער. נאר דאס ברויט ווערט געהאלטען אין איין אלגעמיינעם שראנק און יעדער איינער נעמט וויפיעל ער וויל און אויב די ראטע וועט אין צייט פון אַ מאנאט ניט אויפעסען אזוי פיעל ברויט וויפעל עס קומט איהר נאך דער צאהל מענשען, רעכענענדיג 3 פונט אויף א מענשען יעדען טאג, וועט מען ארויסגיבען געלד פאר דעם איינגעשפּארטען ברויט און דאס געלד וועט פערטהיילט ווערען צווישען אלע מענשען גלייך.

ה. שבת

די גימנאסטישע לעהרע איז וויעדער פערגרעסערט געוואָ-רען. מען לערנט אונז יעצט פערשיעדענע שפּרינגען און אויך צו דעם בין איך ניט פעהיג. איבערהויפּט איז מיר שווער קלעטערען אויף דעם לייטער מיט די הענד און דאס פעראור-זאכט מיר פיעל ערגערניש און הארץ-וועהטאג ווייל די לעהרער זיינען בייז אויף מיר. ווען דער וזוואדני און דער אטדעליאני אליין לערנען אונז איז נאך אַ האלבע צרה, אבער ווען דער

הונט דער פעלדפעבעל איז אויך אנוועזענד און ער מיט זיין גראבער שטימע פאנגט אן שרייען און זידלען דעם אידען אין אלגעמיין און דראהעט אז אין גיכען וועט ער אנפאנגען לערנען אויף איין אנדער מין אופן... דאמאלס ווערט מיר איינפאך דאס לעבען נמאס.

היינט איז ביי אונז יום טוב. דער טאג וואס רוסלאנד האט אנגענומען קריסטענטהום. נעכטען ביי־טאג איז געקומען דער גלח און האט דורכגעזונגען אַ תפלה און האט בעשפריצט מיט היילינער וואסער די בעטען און דעם דיל און איז אוועק געגאנגען.

דיעזע וואך האט מען אנגעפאנגען אונז לערנען די ארבייט וואס ווערט געטאן מיט דער ביקס: האלטען די ביקס, זי ארויף לייגען אויף דעם אקסעל, זיך ציעלען צו שיסען א. ד. ג. אלעס דארף געטאן ווערען אויסערגעוואוינליך פלינק און אלע מענשען גלייך.

די ביקס האט ביי דער ענדע אַ שטיך (אַ קורצע שפיז) צו שטעכען דעם שונא אין אַ האנד צו האנד געשלעג. דער שטיך איז צוגעשרויפט מיט אַ שרויף און קאן אראפ גענומען ווערען גאנץ לייכט. די ביקס דארף פון צייט צו צייט גערייניגט ווערען און צו דיעזען צוועק דארף מען זי צונעמען אויף איה־ע טהיילען און איידער מען שטעלט זי צוזאמען דארף מען די בעזונדערע טהיילען בעשמירען מיט אַ געוויסען אויל.

די ביקס ווערט געלאדען מיט פאטראנעס. דאס זיינען קלייניגקע מעטאלענע פלעשאלאך אנגעפילט מיט פולווער. אין מזיל פון דעם פלעשעלע איז פעסט אריין געשטעקט די קויל דורך אַ קלאפ פון אַ פרוזשינע ווערט דער פולווער אויפגעפלאמט און שפארט ארויס די קויל מיט אַ אונגעהויערער קראפט און שנעלקייט.

שיסען לערנט מען אונז נאך נישט. דערווייל האט מען

אונז ארויסגעגעבען „לעהרע פאטראנעס" וואס זיינען עהנליך צו די ריכטיגע נאר זיי האבען קיין פולווער אין זיך.

די ביקס ווערט געלאדען מיט 5 פאטראנעס אויף אַ מאל.

י"ח שבט

שוין 2 וואכען אז מען לערנט אונז די ארבייט וואס געהער צו דער ביקס. די ארבייט ווערט איינגעטהיילט אין 2 טהיילען:

1) ארבייט וואס מען טוהט מיט דער ביקס אויסער דעם שיסען: האלטען די ביקס, זי ארויף לייגען אויף דעם אקסעל, זי ארונטער לאזען צו דער ערד, אפגיבען מיט איהר כבוד (דאס אפגיבען כבוד מיט דער ביקס, איז אויפהויבען זי עטוואס און אוועקשטעלען זי גלייך אין דער מיט פון דעם קערפער. דיעזע טהאַט ווערט גערופען „נעמען אויף קאַראַאול"), אנשטעלען די ביקס מיט דעם שטיך צו דער פראנט, אזוי ווי מען גרייט זיך שטעכען דעם שונא און שטעכען.

2) שיסען. מען שיסט אויף 3 אופנים: שטעהענדיג, קניענדיג און ליגענדיג. עס זיינען דא 3 מינים שיסען: יעדערער בעזונדער לאנגזאם, יעדערער בעזונדער שנעל און אלע צוזאמען אויף אַ מאל. דער לעצטער מין שיסען ווערט גערופען „ז אַ ל פּ". יעדערער בעזונדער לאנגזאם שיסט מען ווען דער שונא איז ווייט און מען דארף גוט זיך ציעלען. (אנשטעלען די ביקס ריכטיג געגען דעם פונקט אין וועלכען מען וויל שיסען) אויב ניט וועלען פיעל פאטראנעס און צייט געהן אין ניוועץ. יעדערער בעזונדער שנעל שיסט מען ווען דער שונא מאכט אַן אנפאל און ער איז שוין נאהענט. דאמאלס קוקט מען שוין ניט אויף די פאטראנעס נאר מען מיהט זיך שיקען דעם שונא אנטקעגען וואס מעהר קוילען, אדער ווי מען זאגט דא „פערצאמען דעם וועג מיט פייער". מיט זאלפען (אלע צוזאמען אויף אַ מאל) שיסט מען אויך ווען דער שונא איז ווייט און מען וויל איהם איבערראשען, אנשרעקען דערמיט

דאס צייטענווייז ווערט געהערט אַ דונער פון פיעלע ביקסען מיט אַ מאל און פיעלע מענשען אויף אַ מאל פאלען אין זיינע רייהען, און ניט איינציגווייז. איבערהויפט איז דער זאלפּ ווירקענד אויף קאוואליעריע (רייטערס) ווייל ער מאכט אַ שטארקע פערווירונג צווישען דעם שונא׳ס פערד און צואוויל-דעט זיי.

פאר יעדער ארבייט פון די אויבגערעכענטע זיינען דא פיעלע רעגעלען וועלכע עס איז שווער אפּהיטען. יעדער טהאט דארף געטאן ווערען שנעל און ווען פיעלע לערנען צוזאמען דארפען אלע טאן די טהאט אין איין אויגענבליק אזוי ווי איין מענש. דער הויפּט איז דאס ציעלען זיך, דערויף ווערט פאר-וועןנדעט פיעל צייט פון דעם לערנען.

אין דער לעצטער צייט זיינען פארגרעסערט געווארען די „סטרוי לערנונגען״: געהן אין שורות, זיך אויסקירעווען, זיך קעהרען הין און הער, זיך צושפּרייטען, זיך צוזאמענגעמען א. ז. וו. ווי דער וואזאדני זאגט לערנט מען יעצט בלויז דעם אנפאנג פון דער סטרוי לעהרע; די רעכטע סטרוי לעהרע לערנט מען זומער אין לאגער (מיליטערישע זומעריגע פעלד וואוינונגען).

נעכטען האט מיך דער ראטני קאמאנדיר געפרעגט איינינע פראגען פון דער ווערטערליכער לעהרע און מיינע ענטפערס האבען איהם שטארק צופרידען געשטעלט.

כ״ח שבט

מיין לאגע ווערט ערגער און ערגער, ווייל די גימנאסטישע לעהרע ווערט וואס אַ טאג פערגרעסערט און איך בין צו איהר גאר ניט פעהיג. איך בין צו שפּאט און צו שאנדע און דער נאמען איד ווערט בעשמוצט דורך מיר די עלטערע זיינען אין כעס און דראהען מיר דאס אין גיכען וועט דער באטאליאני-קאמאנדיר אליין אנפאנגען אכטונג גיבען אויף דער לעהרע און

דאן וועל איך שוין וויסען וואס מיליטערישע לעהרע איז... עס זיינען אויך פארגרעסערט געווארען די איבריגע לערנונגען אבער אין די איבריגע לערנונגען בין איך וויים נים פון די ערגסטע.

נעכטען האבען מיר בעקומען אונזער געהאלט: $47\frac{1}{2}$ קאפיקע פאר 2 מאנאטען. אלע סאלדאטען קריגען 45 קאפיקעס פאר 2 מאנאטען נאר מיר גרענאדיערען קריגען אַ העכערע גע-האלט, מיט $2\frac{1}{2}$ קאפיקעס מעהר. די סאלדאטען פון דער גווארדיע קריגען נאך אַ העכערע געהאלט מן-הסתם $49\frac{1}{4}$ קאפי-קעס פאר 2 מאנאטען (אַ קלייניגקייט, גווארדיע!).

יעדער סאלדאט בעקומט אַ קליין ביכעלע אין וועלכען דער ראטני-קאמאנדיר פארשרייבט אלע געלדער וואס דער סאלדאט בעקומט, סיי פון דער מיליטערישער פערוואלטונג סיי פון דער היים. ווייל אלע געלד-בריעף וואס מען שיקט צו די סאלדאטען געהען דורך דער ראטנער קאנצעליאריע (אָפּים.)

צווישען די איבריגע אונאנגענעהמליכקייטען וואס דער סאלדאט ליידעט קאָן אויך גערעכענט ווערען דאס וואס ער בעקומט נים זיינע בריעף ריכטיג. אלע בריעף ווערען ערהאל-טען אין דער פאָלק-קאנצעלאריע און פון דארטען צושיקט מען זיי אָהן אַ שום קאָנטראָל אין די ראטעס און איך האב זיך אי-בערצייגט אז פיעלע בריעף ווערען פערלוירען איבערהויפּט אידישע, ווייל די סאלדאטען וואס בריינגען די בריעף פון דער פאלק-קאנצעלאריע זוכען געלד אין זיי און פערניכטען די בריעף.

ד. אדר

דיעזע וואך האט מען אונז געפיהרט 2 מאל אין מיליטע-רישען מאניעזש (אַ גרויסע, זעהר לאנגע געביידע, וואו אַ גרעסערע צאהל סאלדאטען לערנען זיך צוזאמען) וואו מען האט אונז געלערענט געהן נאך דעם טאַקט פון מוזיק און נאך דעם

קלאפּ פון דעם פּויק. דיזע לעהרע ווערט גערופען „מאַרשי-ראָווקאַ". מיר זיינען געקומען אין מאַניעזש ארום 8:30 אין דער פריה און מיר האבען געלערענט אונזער אלטעגליכע לעהרע ביי אַ שטונדע. ארום 9:30 איז געקומען דער קאמאנדיר-פּאָלקא מיט אַ גאנצע קאמפּאניע אפּיצערען און נאך דער גע-וואוינליכער בעגריסונג האבען מיר, נאך זיין בעפעהל אויס-געסטרויעט זיך אין לאנגע שורות און דער פּאלק-ארקעסטער האט אנגעפאנגען שפּילען אַ מיליטערישען נגון, וואס רופט זיך צערעמאניאל-מאַרש און אונז האט מען אנגעזאגט מיר זאלען שטעלען די פיס נאך דעם טאקט פון דער מוזיק. ביי אַ האלבע שטונדע זיינען מיר געגאנגען נאך דעם צערעמאניאל-מארש און נאכהער זיינען מיר געגאנגען נאך דעם פּויק ד. ה. מיר האבען געדארפט שטעלען די פיס אין דעם איינענבליק ווען דער קלאפּ פון דעם פּויק ווערט געהערט. דאס שפּיעלען און דאס פּויקען זיינען אזוי איינגעארדנעט אז פון איין קלאפּ ביז דעם צווייטען געדויערט פּונקט אזוי לאנג וויפיעל עס גע-דויערט פון איין טראט ביז דעם צווייטען.

ביי אַ שטונדע צייט האבען מיר געמארשירט הין און צוריק אין דער לייגג פון דעם מאַניעזש. די מארשיראווקע האט אונז אלעמען שטארק אויסגעמאטערט, און דעם גאנצען טאג און די גאנצע נאכט האבען מיר געפיהלט אַ מיעדקייט און אַ וועהטאג אין אלע גליעדער.

י"א אדר

מארשירען, ד. ה. געהן און אויך לויפען נאך דעם פּויק האט מען אנגעפאנגען לערנען יעדען טאג אין קאזארמע און אין דרויסען ארום דער קאזארמע. לויפען נאך דעם פּויק איז אַ סך שווערער ווי געהן, ווייל עס איז שווער צו טרעפען דעם אויגענ-בליק ווען דער פּויקער גיט אַ קלאפּ. און דאס לויפען זעלבסט איז עפּעס אַ מין שפּרינגען פון איין פוס אויף דער צווייטער וואס איז שווער נאכצומאכען.

ביי דער מאַרשיראָווקאַ זיינען דאָ פיעלע „דינים" וועלכע עס איז שווער אפצוהיטען. צ. ב. ש. די שורה דאַרף זיין גלייך ווי אַ סטרונע, אַלע דאַרפען געהן „מיט איין פוס" ד. ה. אַלע דאַרפען אויפהויבען און אויך אַרונטערלאָזען די פיס אין איין אויגענבליק, עס זאָל געהערט ווערען איין שטאַרקער קלאַפּ, די פוס דאַרף זיין גלייך, ניט געבויגען, דער קאָפּ — אויפגע-שטעלט, דער קערפּער — אַרויס געשפּאַרט אַביסעל צו דער פראָנט א. ד. ג.

אין דער לעצטער צייט איז צוגעקומען נאָך אַ שווערע גימנאַסטישע אַרבייט: שפּרינגען איבער אַ „באַריער", דאָס איז אַ באַלקען, וואָס ליגט אויף 2 הילצערנע „פיס" און איז אַזוי איינגעריכטעט אַז מען קאָן איהם אויפהויבען און אַרונטערלאָזען צו וועלכער הויך מען וויל. יעצט ליגט ער ביי דער ערשטער שטופע 1½ אַרשין די הויך. שפּרינגען איבער דעם באַריער דאַרף מען מיט דער הילף פון די הענד: מען דאַרף צולויפען צו דעם באַריער, זיך אנשפּאַרען אויף איהם מיט ביידע הענד און אַ וואָרף טאָן די פיס אין דער זייט ביז זיי געהען אַריבער דעם באַריער. דיעזער שפּרונג איז פאַר מיר זעהר שווער און אַ נייע סדרה האַריץ-וועהטאָג ערוואַרטעט מיך.

היינט האָט אונז דער פעלדפעבעל געזאָגט אַז יעדערער מוז זיך קויפען אַ וואַרימע וואָלענע העמד. ווער עס האָט ניט קיין געלד וועט בעקומען די העמד פון דער פאָלק-קראַס און ווען ער וועט קריגען געלד פון דער היים, אָדער ביי איין אַנדער געלעגענהייט וועט מען איהם אַפּרעכענען.

כ"ב אדר

דאָס ערגערניש און האַריץ-וועהטאָג וואָס איך טראָג איבער ווערען ניט קלענער, אַבוואָהל קיין נייע גימנאַסטישע אַרבייט לערנט מען אונז שוין ניט נאָר מען פערבריייטערט די פאַריגע. צ. ב. ש. דעם באַריער, וואָס איז אין אַנפאַנג געליגען אויף דער

הזיך פון 1 ארשין מיט אַ האלב האט מען ביסלעכווייז אויפגעהויבען און יעצט ליגט ער אויף דער הויך פון 2 ארשין. פריהער ווי הויך און ווי ווייט מיר זיינען געשפרינגען איז געווען גוט, אַבי נאר מיר זיינען געשפרינגען ריכטיג, ווי עס ווערט געפאדערט, יעצט אבער מעסט מען אפּ 3 שפּאן, פון איין זייט לייגט מען אוועק אַ הילצערנע קלאָץ און פון דער צווייטער זייט — אַ שטרויענע קישען און מען דארף צולויפען צו דער קלאָץ, זיך אוועק שטעלען אויף איהר און אַ שפּרונג טאן צו דער קישען. אדער 2 מענשען שטעלען זיך אוועק און האלטען אַ שטריק אין דער הויך פון אָנדערהאלבען ארשין און מען דארף זיך צוזאָגען און איבערשפּרינגען די שטריק. און צו דיעזע אלע „שטיק" בין איך גאר קיין בריה ניט. יעדען מאל הער איך פּארווירפע און זידלערייען פון די עלטסטע און דער אידישער נאמען ווערט בעשמוצט דורך מיר. און דאס שפּרינגען מוז נאך געטאן ווערען נאך פיעלע שווערע רעגעלען וועלכע עס איז שווער אפּצוהיטען ווען מען בעמיהט זיך צו פערגרעסערען דעם שפּרונג זעלבסט. צ. ב. ש. ווען דער וואס שפּרינגט הויבט זיך אויף פון דער ערד דארף ער ביידע הענד און איין פוס אַ ווארף טאָן מיט שטארקייט פּאראויס. די פוס דארף זיין גלייך אויסגעצויגען און די הענד דארפען זיין פונקט גלייך מיט די אקסלען. און ווען ער לאזט זיך ארונטער אויף דער ערד אדער אויף דער קישען דארף ער בלייבען זיצען אויף די שפּיץ פינגער, די פיס דארפען זיין איינגעבויגען און דער קערפּער—גלייך אויפגעשטעלט. הכלל! מיין לאגע איז גאר ניט קיין פרעהליכע. עס טרעפט אויך אז פון דעם שפּרונג ווערט אביסעל אויסגעלינקט אַ פוס און טוהט וועה דעם גאנצען טאג.

ביי דעם געהן אדער לויפען נאך דעם פּויק טראגען מיר יעצט די ביקס אויף דעם אקסעל. די ביקס דארף ליגען פעסט אויף דעם אקסעל און זיך ניט בעוועגען וואס איז זעהר שווער אפּצוהיטען.

כ"ז אדר

נעכטען האט דער ראטני-קאמאנדיר ארויס געגיבען יעדען איינעם 19 קאפיקעס פאר דעם ברויט וואס די ראטע האט פער-ברויכט לעצטען מאנאט ווענ׳גער פון דעם וואס עס איז איהר געקומען נאך דער צאָהל מענשען.

אין דער לעצטער צייט האט מען אנגעפאנגען אונז לערנען צוזאמענקייקלען דעם שינעל (אויבער מאנטעל) און טראגען איהם אזוי ווי אַ רייף איבער דעם לינקען אקסעל און אונטער דעם רעכטען ארעם, אזוי ווי די סאלדאטען טראגען די שינעלען זומער, ווען זיי געהען אין וועג. די צוויי עקען פון דעם שינעל ווערען צוזאמענגעבונדען מיט אַ לעדערען פאַסיקעל. די צו-זאמענגעלייגטע שינעלען טראגען מיר ווען מיר לערנען זיך שיסען, אום מיר זאלען זיך צוגעוואוינען שיסען מיט די שינעלען איבער דעם אקסעל.

דיעזע וואך האבען מיר אנגעפאנגען שיסען מיט שרויט אין אַ פאפירענער בילד.

היינט איז „מאַסליאַניצא" (אַ ספעציעלער רוסישער יום טוב וואס מען פייערט 3 טעג נאכאנאנד) און מיר זיינען פריי פון לערנען. איך האב געבעטען דעם וזוואדני ער זאל מיר ערלויבען געהן אין שטאט אריין און ער האט מיר ערלויבט. ווער עס וויל אוועקגעהן פון קאזארמע אויף איינינע שטונדען דארף צוערשט האבען איין ערלויבניש פון זיין וזוואדני, דאן דארף ער האבען אַ געשריבענעם בילעט וואס לעזט זיך ווי פאלגט: „דער ריאדאָוואָי (רייהע מאן, איינפאכער סאלדאט) ...... פון...... ראטע...... פון .... פאלק ווערט אפגעלאזט אין שטאט אריין ביז... אוהר. טאג... מאנאט..." דיעזען בילעט גיט מען דעם דיעזשורני און אויב דער פעלדפעבעל האט ניט דאגעגען דערלאנגט איהם דער דיעזשורני דעם ראטני קאמאנדיר און ער שרייבט איהם אונטער אויב ער וויל. ביז 8 אוהר אווענד קאן דער פעלדפעבעל אליין אפלאזען.

איך האָב שוין מיין בילעט אוועקגעגעבן דעם דיעזשורני אָבער איך ווייס נאָך ניט צו דער ראַטני וועט איהם אונטער־שרייבען.

ב״ח אדר

נעכטען בין איך געגאַנגען אין שטאָט אריין און דאָס איז מיר אַנגעקומען אַזוי שווער אַז איך האָב שוין חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצען עסק. די וואָס געהען אין שטאָט אריין דאַרפען זיין אָנגעטאָן אין אַ פולער פאַרמע. די פאַרמע יעצט איז אַ ווינטערדיגע און בעשטעהט פון אַ מונדיר, אַ שינעל אַ באַראַשקענע הי͏טעל אַ באַשליק (אַזאַ מין צוזאַמענגענייטער טוך וואָס מען קאָן אָנטאָן אויף דעם קאָפּ, מיט 2 לאַנגע עקען אַרום צו ווּיקלען אַרום האַלז) און אַ פּאַס. אויף דעם פּאַס צו דער לינקער זייט דאַרף מען אויפהייגען דעם שטיך פון דער ביקס אין א לעדערנעם שיידעל. דאָס אַלעס גיט מען אַרויס פון דעם צייכהאַוז (דער צימער וואו עס געפינען זיך די קליי־דער און אַלע זאַכען וואָס געהערען דער ראָטע) ווייל די קליידער וואָס מען טראָגט אימער זענען ניט פיין גענוג צו טראָגען אין דער עפענטליכקייט. די קליידער מוזען זיין גוט אויסגערייניגט, די שטיוועל געפוצט, די מעשענע קנעפּ און דער הערב פון דער הי͏טעל (אַ מעשענער אַדלער) דאַרפען גלאַנצען א. ד. ג.

ווען איך האָב אַלעס גוט אויסגערייניגט און זיך אָנגעטאָן האָב איך זיך אוועק געשטעלט צווישען די איבריגע וואָס געהען אין שטאָט אריין און אין אַ ווײַלע אַרום איז געקומען דער פעלדפעבעל און האָט יעדען איינעם גענומען בעקוקען צו ער איז ריין און ריכטיג אָנגעטאָן. און דאָס בעקוקען איז געוועזען מיט אַזאַ שטרענגקייט און מיט אַזאַ פּינקטליכקייט אַז ער האָט מיר אויסגעצייגט אַזוי ווי משוגע: ביי דעם האָט ער געפונען אַ חסרון וואָס די הי͏טעל איז ניט גענוג אַראָפּגערוקט אויף דער זייט, ביי דעם איז דער שפּיץ פון דעם באַשליק ניט אַזוי

פינקטליך אין דער מיט פון דער פלייצע א. ד. ג. און איך אלס אַ יונגער סאלדאט, וואס האט נאך ניט געהאט די זכיה צו געהן אין שטאט אריין האב נאך געדארפט איבערציינגען אז איך וועל וויסען ווי אזוי אפגיבען כבוד די אפיצערען וואס איך וועל באַגעגענען און דער עקזאמען איז צוגעגאנגען גאנץ שטרענג. נאכהער האט אונז דער דיעזשורני אוועק געפיהרט אין „דיעזשורני צימער״ וואו עס האבען זיך פערזאמעלט אלע סאלדאטען וואס זיינען אפגעלאזט געווארען אין שטאט אריין פון אלע ראטעס, און דער דיעזשורני אפיצער האט אונז אויך בעקוקט מיט דער זעלבער משוגע׳נער שטרענגקייק און אזוי ווי אויף צו להכעיס האט ער אויך געפונען אַ חסרון ביי איינעם: דער פאס איז געווען ניט גענוג איינג איינגעצויגען און מען האט געקאנט אריין רוקען 4 פינגער צווישען דעם פאס און דעם שינעל ר״ל. האט זיך דער אפיצער צושריען און האט געהייסען בריינגען דעם פעלדפעבעל און דער פעלדפעבעל איז געקומען צולויפען און האט זיך אויעק געשטעלט פאר דעם אפיצער מיט ציטערניש און פלאטערניש אזוי ווי ער וואלט בעגאנגען דעם גרעסטען פארברעכען און ווען ער האט אויסגעהערט דעם אפיצערס פארווירף האט ער אפילו ניט געוואגט זיך פערענטפערען נאר ער האט געבעטען ערלויבניש דעם פעהלער צו פעררירכטען.

ענדליך איז דער אפיצער אויך געבליבען צופריעדען און ער האט אונז אפגעלאזט.

איך בין אוועק געגאנגען צו מיין קרוב ק. און האב דארט פארבראכט איינינע שטונדען גאנץ אנגענעהם. מר. ק. און זיין פרוי זענען גאנץ איידעלע, פיינע מענשען. זיי האבען מיך פריינדליך אויפגענומען און האבען מיך געבעטען קומען צו זיי ווען נאר איך וועל האבען אַ מעגליכקייט.

כ"ט אדר

עס איז היינט דער דריטער טאג וואס מיר זיינען פריי פון לערנען. נעכטען האט מען געמאכט איין אונטערהאלטונגס-אווענד אין דער פאקראוווער קאזארמע, וואו די גרעסטע טהייל פון אונזער פאלק קוואַרטירט, און אלע סאלדאטען פון אונזער קאזארמע איז ערלויבט געווארען געהן אהין צו פארברייינגען דארט דעם אווענד. פון אונזער ראטע זיינען געגאנגען 8 מענשען און איך אויך צווישען זיי. מיר זיינען געגאנגען אונטער דער פיהרונג פון איין אונטער אפיצער. מיר האבען פארבראכט דארט ביי 3 שטונדען. דער פאָלק-ארקעסטער האט געשפיעלט, איינינע פרויען און יונגע לייט האבען געזונגען און עס זיינען פארגעשעלט געווארען 2 קליינע קאמעדיעס. מען האט אויך ניט פערפעהלט מאכען חוזק פון אידען, ווי געוואוינליך דורך אידען אליין; 3 אידישע סאלדאטען האבען אויף זיך גענומען די אידעאלע ארבייט און האבען פארגעשטעלט דעם אידען אזוי נאריש און ווילד אז עס האט אפגעעקעלט צו קוקען.

ז. ניסן

דיעזע וואך האבען מיר גאנץ ווענינ געלערענט, ווייל יעצט איז דער גרויסער תענית ביי די קריסטען און די גאנצע וואך זיינען אלע קריסטען געגאנגען אין דער פריה און פאר נאכט אין קלויסטער דאוונען און עס זיינען פארבליבען בלויז די אידען און די מחמדאנער אין גאנצען 8 מענשען און קיינער ניט פון די עלטסטע. האבען מיר זיך שוין בענוצט מיט דער געלעגענהייט און האבען אין דער צייט פון זייער אבוועזענהייט כמעט גאר ניט געטאן, דערפאר אבער, ווי מען זאגט, וועט מען אונז אונ-טערטרייבען די קומענדע וואך, ווייל נאך אַ ביסעל וועלען זיך ענדיגען די 4 מאנאטען וואס זיינען בעשטימט צו לערנען די יונגע סאלדאטען די מיליטערישע לעהרע און דער קאמאנדיר-פאלקא וועט אונז עקזאמענירען.

י. ניסן

אַ קלאג צו מיר! מיין פאטער איז געשטארבען.

(איך געפין פיר איבריג איבער צו גיבען די ווערטער וואס איך האב געשריבען דאמאלס וועגען דיעזער פאסירונג, ווייל דאס געהער ניט צו דעם אינהאלט פון דיעזען בוך. דאס געהער צו דער בעלעטעריסטיק אין אלגעמיין אויף וועלכער איך האב ניט קיינע פרעטענזיעס.)

י״ב ניסן

נעכטען האט דער באטאליאני קאמאנדיר מר. ס. עקזא-מענירט אונזער ציעלען זיך און אונזער שיסען. אין דער פריה האבען מיר אויסגערייניגט אונזערע קליידער מיט אַ בעזונדער ענערגיע און מיר האבען זיך אויסגעסטרויעט אין אַ לאנגער רייהע און האבען געווארט אויף דעם באטאליאני מיט מורא און ציטערניש, ווייל מיר קאנען איהם שוין אַביסעל... און יעצט קומט ער נאך ספעציעל אונז צו עקזאמענירען. אום 9 אוהר איז ער געקומען, דער מורא׳דיגער אדון און דער עקזאמען האט זיך אנגעפאנגען. ער האט עקזאמענירט יעדען בעזונדער. דער עקזאמען האט געדויערט ביי אַ שטונדע אין וועלכער עס האבען זיך פון צייט צו צייט געהערט ווילדע געשרייען, טופען מיט די פיס און רוסישע מי- שברך׳ס. אפאר פרעסק האבען אויך ניט געפעהלט. צו מיר האט ער קיין איבריגע טענות ניט געהאט.

ט״ז ניסן

אויף די ערשטע 2 טעג פסח האט מען די אידישע סאלדא-טען אפגעלאזט אין שטאט אריין און היינט אזוי אויך די איב-ריגע טעג חוה״מ וועט מען אונז לאזען געהן אין שטאט אריין ביי טאג און פאר נאכט, אום מיר זאלען ניט געצוואונגען זיין עסען חמץ. אויף די לעצטע 2 טעג יום טוב וועט מען אונז ווידער בעפרייען.

דיעזע וואך האט מען ארויס געגעבען יעדען סאלדאט 2 פאר שטיוועל, 2 גימנאסטישע העמדער און 1 רובל מיט 35 קאפיקעס לויט פאלגענדען חשבון: 45 קאפיקעס פאר 11 ארשין ווייסע לייווענד וואס קומט יעדען סאלדאט אויף אַ פּאר אונטער-הויזען און 90 קאפיקעס אמוניציאנס געלד, אויף צו רייניגען און האלטען אין ארדנונג דאס געוועהר און די קליידער. דאס אלעס גיט זיך ארויס אויף אַ יאהר צייט.

אונזער לעהרע איז פיעל פערגרעסערט געווארען און די אפיצערען, איבערהויפט דער ראטני קאמאנדיר גיבען שטארק אכטונג אויף דעם לערנען ווייל אין גיכען וועט דער קאמאנדיר-פאלקא אונז עקזאמענירען און די אפיצערען זיינען שטארק פעראינטערעסירט מיר זאלען אלעס גוט קאנען.

א. איר

דיעזע וואך וועט דער קאמאנדיר פאלקא עקזאמענירען די יונגע סאלדאטען. אלע ציטערען יעצט פאר דעם עקזאמען. דער ראטני קאמאנדיר גיט יעצט שטארק אכטונג אויף דעם לערנען און ער בייזערט זיך זעהר ווען ער בעמערקט אין עמיצען עפעס אַ פעהלער.

איך בין אין אלעס גוט געלערענט, נאר שפּרינגען און קלע-טערען אויף דעם לייטער קאן איך ניט גוט. אבער איך בין ניט דער איינציגער, נאך 3 מענשען, און דוקא גוים קאנען אויך ניט טאן די זעלבע טהאטען ריכטיג.

ה. איר

נעכטען איז געווען דער גרויסער עקזאמען פאר וועלכען מיר האבען אזוי שטארק מורא געהאט, און גאט צו דאנקען מיר זיינען ניט דורכגעפאלען.

מיר זיינען אויפגעשטאנען אום 5 אוהר און מיר האבען אנגעפאנגען זיך גרייטען צו דעם עקזאמען. מען האט אונז ארויסגעגיבען פון צייכהאאוז נייע קליידער און מיר האבען

אלעס גוט אויסגעריינינגט. אום 8 אוהר איז געקומען דער ראטני קאמאנדיר און האט אונז בעקוקט צו מיר זיינען ריכטיג אנגעטאן און האט אונז אנגעזאגט מיר זאלען זיך האלטען מוטהיג, מיר זאלען זיך ניט שרעקען. נאכהער האט ער אונז אויסגעסטרויעט אין איין שורה און אום 9 אוהר איז געקומען דער קאמאנדיר-פאלקא אין דער בעגלייטונג פון פיעלע אפיצע-רען. ווי נאר ער האט זיך בעוויזען האט דער ראטני בעפוילען נעמען די ביקסען „נא-קאראאול" (זיי אויפהויבען געגען קערפער, וואס איז אַ צייכען פון עהרע, ווי איך האב ערקלעהרט פריהער) און דער קאמאנדיר-פאלקא איז צוגעקומען צו אונז און האט אונז בעגריסט און מיר האבען געענטפערט ווי געוואוינליך. דער ענטפער און דאס האלטען די ביקסען זיינען איהם געפעלען געווארען און ער האט אויסגערופען ! „CHOROSHO REBYATA" (גוט, בחורים׳לאך !) און מיר האבען געענטפערט דעם איינגע-שטודירטען ענטפער: „מיר זיינען גערען זיך פלייסען אייער הויכפיינקייט". נאכהער האט דער ראטני בעפוילען ארונטער לאזען די ביקסען און דער עקזאמען האט זיך אנגעפאנגען. דער עקזאמען האט געדויערט ביי 3 שטונדען. מיר האבען געטאן אלעס וואס מען האט אונז פאר דער גאנצער צייט געלערענט, ניט פארפעהלט קיין זאך. מיט פיעלע טהאטען איז דער קאמאנדיר פאלקא געווען צופריעדען מיט איינינע — ניט צו-פריעדען אבער אין אלגעמיין איז ער געבליבען אַ צופריעדענער. צולעצט האט ער געהייסען מיר זאלען זיך אויס סטרויען אין איין שורה און ער האט אנגעפאנגען פרעגען פראגען פון דער ווער-טערליכער לעהרע. אנגעפאנגען האט ער פון לינקען פליגעל (דער לינקער עק פון דער שורה) און אזוי ווי איך שטעה דער ערשטער אויף דעם לינקען פליגעל האט ער מיך געפרעגט די ערשטע פראגע: „וואס איז אזוינס אַ סאלדאט ?" און איך האב געענטפערט אזוי ווי עס איז געשריבען אין לעהר-בוך „ אַ

סאלדאט איז אַ דינער פון דעם קיסר און פון דעם פאטערלאנד און זייער בעשיצער פון אויסערליכע און אינערליכע פיינד". דאן האט ער מיך געפרעגט: „ווער איז מעהר געפעהרליך דער אויסערליכער צו דער אינערליכער פיינד? — אין לעהר־בוך ווערט ניט ערקלעהרט ווען מען מיינט מיט די ווערטער „אויסערליכע און אינערליכע פיינד" אבער עס איז זעלבסט־פערשטענדליך אז אויסערליכע פיינד זיינען די נאציאנען מיט וועלכע מען פיהרט קריעג און אינערליכע פיינד זיינען רעוואליוציאנערען. פאר די סאלדאטען וויל מען אבער ניט דערמאנען קיין רעוואליוציאנערען און מען ערקלעהרט זיי אז מיט די ווערטער „אינערליכע פיינד" מיינט מען פערברעכער: גנבים, רויבערס א. ד. ג. נאך דיעזער ערקלעהרונג קומט אויס אז דער אויסערליכער פיינד איז פיעל געפעהרליכער פון דעם אינערליכען און אזוי האב איך געענטפערט. דיעזער ענטפער אבער שטימט ניט מיט דער הערשענדער איבערצייגונג, מיט דער פאלשטענדיגער זיכערקייט אז קיין מלחמה איז פאר דעם רוסישען סאלדאט ניט געפעהרליך, ווייל ער איז איינפאך אַ „מזיק", מיט 1 האנד קאן ער מאכען אַ תל פון אלע „בוסורמאנעס". און דער קאמאנדיר־פאלקא איז טאקע געווארען אביסעל אויפגערעגט און האט בייזליך אפרעג געטאן: „ווארום?" האב איך געענטפערט: „ווייל איין אויסערליכער פיינד קאן זיך טרעפען אַ גאנץ שטארקער, אבער מיט גנבים און רויבערס קאן די פאליציי אליין פארטיג ווערען". דאן האט דער קאמאנדיר־פאלקא זיך אביסעל אויסגעהוסט, פאררוכט די ברילען אויף דער נאז און האט אנגעפאנגען אַ גאנצע רעדע, אז דער רוסישער סאלדאט האט קיין מאל קיין מורא ניט געהאט פאר מלחמה, פארקעהרט, ער איז גערען ווען עס טרעפט זיך איהם אַ געלעגענהייט צו ווייזען זיין גבורה און אביסעל אנלערנען די איבריגע נאציאנען, וועלכע פארגינען ניט רוסלאנד איהר גרויסקייט

א. ז. וו. א. ז. וו.. — דערוויילע האב איך שוין חרטה געהאט אויף דעם גאנצען „עסק" וואס איך האב געוואגט ענטפערען אביסעל אַ פרייערען ענטפער און ווען דער קאמאנדיר-פאלקא האט זיך אפגעשטעלט און האט געפרעגט: „פערשטעהסט?" האב איך געענטפערט דעם איינגעשטודירטען ענטפער: „אזוי, פונקטליך אייער הויכפיינקייט!" און ער האט זיך געווענדעט צו אַ צווייטען. ער האט אלעמען נאך דער רייהע געפרעגט פערשיעדענע פראגעס. אנדערע האבען געענטפערט ריכטיג און אנדערע ניט ריכטיג און דער עקזאמען האט זיך געענדיגט. פאר דעם אוועקגעהן האט ער אונז געדאנקט פאר א־נזער מיה און האט אויך געדאנקט די לעהרערס.

ט. איר

שוין 2 וואכען אז איך וויל געהן אין שטאט אריין און קאן ניט. ווייל אזוי ווי אויף צו להכעיס האבען זיך אין די לעצטע 2 זונטאג-טעג געמאכט אפהאלטען און איך האב ניט געקאנט געהן. פאריגען זונטאג האט מען אונז געדארפט צופאסען נייע קליידער און נעכטען האב איך געדיינקט אז עס איז גלייכער צו גיבען מיין בילעט דעם פעלדפעבעל אונטערצושרייבען, ווייל איך זאם זיך סיי ווי סיי ניט מעהר ווי ביז 8 אוהר, דארף איך דאך ניט אנקומען צו דעם ראטני, איז אבער דער דיעזשורני אפיצער משוגע געווארען און האט ניט געוואלט אפלאזען די יעניגע וואס האבען געהאט בילעטען אונטערגעשריבענע פון די פעלדפעבעלס און אריין גיבען מיין בילעט צו דעם ראטני האב איך שוין ניט געקאנט ווייל דער דיעזשורני האט שוין איין מאל געטראגען בילעטען צו דעם ראטני, אלזא בין איך געבליבען אין קאזארמע, און איך האב געשריבען אהיים און צו מיינע פריינד מען זאל מיר שיקען בריעף אויף מר. ק-ס. אדרעס, ווייל פיעלע בריעף וואס מען שיקט אין פאלק ווערען פערלוירען. יעצט ביינק איך נאך אַ בריעף און קאן זי ניט בעקומען. איבערהויפט

ביינק איך נאך בריעף פון מיינע פריינד, ווייל זיי ריידען אין זייערע בריעף וועגען אלגעמיינע אינטערעסען: וועגען ליטערא-טור, ציוניזם א. ד. ג. און דאס אלעס אינטערעסירט מיך זעהר שטארק.

די לעצטע צייט איז מיר אין די פרייע שטונדען זעהר לאנגווייליג און וואס צו לעזען האב איך ניט. עס איז דא אין ראטע אַ קליינע ביבליאטעקא, אבער די ביכער זיינען ניט ווערטה דעם פאפיער אויף וועלכען זיי זיינען געשריבען.

מיר פערנעמען זיך יעצט כמעט נאר מיט דער ביקס. פון נאך דעם עקזאמען לערנען זיך די יונגע סאלדאטען צוזאמען מיט די אלטע.

י. איר

היינט האבען מיר געלערענט געהן נאך דעם צערעמאניאל מארש אויף דעם לײדיגען פלאץ וואס געגען אלכסנדר דעם צווייטענס מאנומענט. דער גאנצער באטאליאן האט געמאר-שירט צוזאמען ראטעס-ווייז, יעדער ראטע אין 2 שורות. די הויפט שוועריגקייט ביי דער מארשיראווקא איז וואס די שורות דארפען זיין גלייך ווי אַ סטרונע, קיינער זאל ניט זיין עטוואס אריין גערוקט אדער ארויס גערוקט פון דער שורה און דאס איז זעהר שווער אפצוהיטען. דער צערעמאניאל-מארש איז זעהר וויכטיג ביי די אפיצערען און זיי בייזערען זיך שטארק ווען עמיצער געהט ניט ריכטיג.

י״ב איר

היינט האבען אלע יונגע סאלדאטען פון אונזער פאלק געשוואוירען די הארבע שבועה, וואס נאך איהר ווערט דער יונגער סאלדאט פאררעכענט פאר אַ פאלקאמענעם סאלדאט און ער ווערט אונטערוואָרפען אלע מיליטערישע פליכטען און דער מיליטערישער דיסציפלין מיט איהר פולער שטרענגקייט. דיעזע שבועה ווערט שטארק געשעצט אין דעם מיליטער און צו איהר עהרע מאכט מען גרויסע צערעמאניעס.

מיר זיינען היינט אויפגעשטאנען אים 5 אוהר און מיר האבען אלעס גוט אויסגעריינינגט. מיר האבען אנגעטאן נייע קליידער וואס מען האט אונז ארויסגעגיבען פון צייכהאַאוז. אום 9 אוהר איז געקומען דער ראטני אנגעטאן אין פּאַראַדני קליידער (בעסערע קליידער מיט פיינערע אקסעל-בענדער, וואס רופען זיך עפּאלעטען און מיט אַ באראשקענע היטעל, וואס די אפיצערען טראגען בלויז ביי פייערליכע צערעמאניעס) און מיר זיינען אוועק געגאנגען אין מאניעזש אריין, וואו עס האט זיך פערזאַמעלט דער גאנצער פּאלק. אין אַ ווײַלע ארום איז גע-קומען דער קאמאנדיר-פּאלקא און מען האט אויך געבראכט די פאהן פון פּאלק. צו דער עהרע פון דער פאהן האבען מיר נאך דער קאמאנדא פון דעם קאמאנדיר-פּאלקא גענומען די ביקסען „נאַ-קאַראַאול" און דער ארקעסטער האט געשפּיעלט דעם ספּע-ציעלען דער צו נגון. נאכהער האט דער קאמאנדיר-פּאלקא בעפוילען און מיר האבען זיך אוועקגעשטעלט: קריסטען בע-זונדער, מחמדאנער בעזונדער און אידען בעזונדער. אין מיטען מאניעזש האט מען אוועקגעשטעלט אַ פּערפּוצטען „עמוד" און אויף דעם „עמוד"—הויכע, וועקסענע אנגעצונדענע ליכט און דער גלח, אנגעטאן אין דער ראַסע האט אויף דעם „עמוד" אוועק געלייגט אַ גרויסען גאלדענעם צלם און אַ פיינע עוואנגליע גע-בונדען אין אַ גאלדענעם בונד, און די פאהן האט מען אוועק געשטעלט צו דער רעכטער זייט פון „עמוד". דער גלח האט זיך געווענדעט צו די קריסטען און האט זיי ערקלעהרט די גרויסקייט פון דער שבועה און די גרויסע שטראף וואס עס קומט אויף יענער וועלט פאַר עובר זיין אויף דער שבועה, ווי אזוי די נשמה פון דעם שבועה-פארשווערער וועט זיך בראטען אין דעם מורא'דיגען גיהנם-פייער, ווי אזוי שדים און מלאכי-חבלה וועלען זי פּייניגען מיט די שרעקליכסטע ענוים א. ז. וו. נאכהער האט ער פארגעלעזען די שבועה און די קריסטען האבען נאכ-

געזאגט און ווען זיי האבען געענדיגט זיינען זיי איינציגווייז צו-
געגאנגען צו דעם עמוד האבען אנגענומען די פאהן און האבען
געקושט דעם צלם און די עוואנגליע. ווען זיי האבען געענדיגט
האט מען אוועקגעשטעלט אַ טיש ניט ווייט פון דעם „עמוד"
און דער מאסקווער רב *) האט אויף איהם אוועק געלייגט אַ
קליינע ספר-תורה און מיר, די אידען (ביי אַ 30 מאן) זיינען
אונטער דער פיהרונג פון איין אפיצער צוגעקומען צו דעם טיש
און די פאהן האט מען אויך צוגעטראגען. פיעלע אפיצערען
האבען זיך אויך פערזאמעלט לעבען דעם טיש. און דער רב
האט זיך געווענדעט צו אונז און האט מיט קורצע שכל'דיגע
ווערטער, אין אַ גוטער רוססישער אויסשפראכע ערקלעהרט די
ווערטה פון דעם סאלדאט אלס בעשיצער פון דעם פאטערלאנד
און פון דעם קיסר, ער האט אונז אויך געזאגט אז מיר דארפען
זיין שטאלץ דער מיט וואס מיר זענען סאלדאטען, דען דער
פאקט וואס אַ מענש איז אַ סאלדאט בעווייזט אז ער איז פאל-
קאם געזונד קערפערליך און נאך דעם אנגענומענעם כלל אז אין
אַ געזונדען קערפער זיצט אויך אַ געזונדער גייסט קומט אוים
אז יעדער איינער פון אונז איז אויך איין ערענטליכער מאן
א. ז. וו... ער האט גערעדט אַ 10 מינוטען און די גאנצע צייט
האבען זיך די אפיצערען איינגעהערט מיט גרויס אינטערעס זיין
רעדע איז זיי שטארק געפעלען געווארען. די רעדע איז טאקע
געוועזן אביסעל אַ שקלאפישע, אבער א מייסטערהאפטע, אַ
גלענצענדע. און איך בין די גאנצע צייט געשטאנען און האב
זיך געשמאלצען פון נחת די קליינליכקייט פון דעם גלח נעגען
דעם רב האט זיך צו שטארק געווארפען אין די אויגען און די
אפיצערען האבען ניט געקאנט דאס ניט בעמערקען. איך האב
אויף זיי געקוקט מיט שטאלץ און פעראכטונג. איך האב פון

*] אין אַ צייט ארום האב איך אויסגעפונען אז דאָס איז געוועזן דער בעוואוס-
טער געלערנטער י. מאזאה.

זיי געגומען נקמה פאר די אלע בעליידיגונגען וואס מיר האבען פון זיי ספעציעל אלס אידען געליטען.

ווען דער רב האט געענדיגט זיין רעדע האט ער פארגעלע-זען די שבועה און מיר האבען נאכגעזאגט. נאכהער זיינען מיר צוגעקומען איינציגווייז, אנגענומען די פאהן און געקושט די תורה. דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען ביי די מחמדאנער. נאכהער האבען זיך די ראטעס אויסגעסטרויעט אין דער גע-וואוינליכער ארדנונג און מיר האבען וויעדער אפגעגיבען כבוד דער פאהן. נאכהער האבען מיר דורכגעמארשירט דעם מאניעזש נאך דעם צערעמאניאל-מארש און די צערעמאניע האט זיך גע-ענדיגט.

י״ד איר

איך בין שוין אַ פאלשטענדיגער סאלדאט, איך האב שוין ערפיעלט די העכסטע מיליטערישע פליכט אין פריעדענס צייט, די „קאַראַאול״ (בעוואכונג) פליכט.

אויף מארגען נאך דער „שבועה״ איז אונזער ראטע בע-שטימט געווארען צו געהן בעוואכען דעם פאלקס איינענטהום: דעם צייכהאַאוז, דעם ארסענאל, דעם געלד קאסטען א. ד. ג. וואס געפינען זיך אין דער פאקראיזער קאזארמע, אדער ווי מען זאגט דא אין קורצען: „געהן אין פאלק-קאַראַאול״. און דער קאמאנדיר פאלקא האט בעפוילען אנפאנגען געוואוינען די יונגע סאלדאטען מיט דער קאראאול דיענסט (בעוואכונגס ארבייט) האט דער ראטני בעשטימט 4 יונגע סאלדאטען צו געהן אין קאַראַאול און צווישען די 4 בין איך אויך געווען. און די קאַראַאול דיענסט איז זעהר אַ פעראנטווארטליכע, פאר דער מינדעסטער איבערטרעטונג איבער די קאַראַאול-געזעצען קומט אַ גרויסע שטראף. ווען איך האב דערהערט אז איך דארף געהן אין קאַראַאול האב איך זיך אביסעל דערשראקען, אבער עס העלפט דאך קיין זאך ניט. די וואס געהען אין קאַראַאול טוען

אָן פיינערע קליידער, וואס מען גיט זיי ארויס פון צייכהאַוז. אום 9 אוהר האבען מיר אפגעגעסען אונזער מיטטאג מאלצייט און מיר האבען זיך אנגעטאָן. אום 10 אוהר האבען מיר זיך אויסגעסטרייעט אין איין רייהע און דער פעלדפעבעל האט אונז בעקוקט און נאכהער האט אונז בעקוקט אויך דער דיעזשורני-אפיצער און מיר זיינען אוועקגעגאנגען אונטער דער פיהרונג פון איין אונטער אפיצער וואס איז בעשטימט געווארען אלס איין עלטסטער איבער אונז, אדער ווי מען רופט איהם דא אין קורצען „קאַראַאולני-נאטשאלניק". מיר זיינען געקומען אין דער פאקראוור קאזארמע און דער קאראאולני נאטשאלניק האט אויסגעפילט איינינע פארמאליטעטען און מיר זיינען אריין געקומען אין קאראַאול-צימער, ד. ה. אין צימער וואו די קאַראַאול לייטע געפינען זיך און מיר האבען אומגעביטען די ראטע וואס איז געווען אין קאַראַאול פאר אונז.

די וועכטער ווערען איינגעטהיילט אין 3 אומבייטונגען. די מענשען פון דער ערשטער אומבייטונג שטעהען אויף זייערע פאסטענס (די פלעצער וואס ווערען בעוואכט) 2 שטונדען און ווערען אומגעביטען דורך די מענשען פון דער צווייטער אומבייטונג און קעהרען זיך אום צוריק אין קאַראַאול צימער, און אז עס געהען דורך נאך 2 שטונדען ווערען די מענשען פון דער צווייטער אומבייטונג אומגעביטען דורך די מענשען פון דער דריטער אומבייטונג. נאכהער קומען וויעדער די מענשען פון דער ערשטער אומבייטונג א. א. וו. און אזוי שטעהט יעדער מענש אויף זיין פאסטען 2 שטונדען און רוהט 4. שלאפען מעג מען פון 9 אבענד ביז 6 פריה אבער בלויז די מענשען וואס אין 2 שטונדען ארום דארפען זיי געהן אויף די פאסטענס, די יעניגע אבער וואס זיינען ערשט אומגעביטען געווארען און האבען זיך אומגעקעהרט אין קאַראַאול צימער דארפען זיין וואַך.

איך בין געווען אין דער דריטער אומבייטונג. איך בין גע־שטאנען אויף דעם פאסטען פון 3 ביז 5 פארנאכט, פון 9 ביז 11 אווענד, פון 3 ביז 5 ביינאכט און פון 9 ביז 11 פריה. שלאפען האב איך געקאנט בלויז 2 שטונדען פון 1 ביז 3 ביינאכט, ווייל אז איך האב זיך אומגעקעהרט פון מיין פאסטען אום 11 אוהר אווענד האב איך געדארפט זיין וואך ביז 1 אוהר, פון 3 ביז 5 ביינאכט בין איך געשטאנען אויף דעם פאסטען און ווען איך בין אומגעביטען געווארען האב איך ווידער געדארפט זיין וואך און פון 6 אוהר פריה טאר מען שוין ניט שלאפען.

פאר קאראאול ווערען מענשען בעשטימט בלויז אויף איין מעת-לעת און ווערען אומגעביטען דורך אנדערע. אין דעם מעת-לעת טארען די קאראאול לייטע זיך ניט אויסטאן אדער אפילו אפשפיליען די קליידער, אויך ניט ווען זיי לייגען זיך שלאפען, נאר זיי דארפען זיין צו יעדער מינוט גרייט צו כאפען די ביקס און געהן פערטהיידיגען די פאסטענס.

מיין פאסטען איז געווען אַ לאנגע גרויסע געביידע, ווי עס זעהט אויס—דער פאלק-צייכהאאוז. איך האב געדארפט היטען קיינער זאל אהין ניט אריין קומען. היינט אום 11 אוהר פריה איז געקומען איין אנדער ראטע אויף אונזער פלאץ און מיר האבען זיך אומגעקעהרט אין קאזארמע.

כ. איר

איך בין יעצט קראנק. איך ליג אין קראנקען-הויז פון דער פאקראווער קאזארמע. מיט 4 טעג צוריק האט מיר אנגעפאנ־גען וועה טאן די לינקע פוס אבער איך האב געדיינקט אז עס וועט איבערגעהן, אויף מארגען איז אבער דער וועהטאג גרעסער געווארען און די צווייטע פוס האט אויך אנגעפאנגען וועה טאן בין איך געגאנגען אין אַקאָלאָדאָק (דער צימער וואו אַ דאקטאר אונטערזוכט קראנקע סאלדאטען און גיט זיי די ערשטע הילף) האט מיר דער דאקטאר באשמירט די פוס מיט אַ זאלב. די

זאלב האט אבער ניט געהאלפען בין איך נעכטען ווידער גע-
גאנגען אין אקאלאדאק און דער דאקטאר האט מיך אוועקגע-
שיקט אהער. דא האט מיך בעקוקט דער הויפט דאקטאר און
ער האט געהייסען מיר איינרייבען די פיס מיט אַ זאלב און האט
מיר געגיבען טרינקען אַ מיקסטור און האט מיר געהייסען ליגען
אין בעט.

יעצט איז פכה ביי די קריסטען. אין קאזארמע קומען
פאר גרויסע צערעמאניעס לכבוד יום טוב, אבער איך האב ניט
זוכה געווען זיי זעהן. דא אין קראנקען הויז האט מען געגיבען
יעדען מענשען אַ גלעזעל שנאפס, אַ שטיקעל היילינעס ברויט
וואס מען רופט „פאַסקאַ״ און 2 געפארבטע אייער.

כ״ב איר

דער וועהטאג אין די פיס האט איינגעהערט, אבער זיי
זיינען זעהר שוואך. דאך וויל איך שוין פון דאנען ארויסגעהן
ווייל עס איז דא שרעקליך לאנגווייליג. איך בין אזוי ווי אין אַ
תפיסה. עס זיינען דא נאך איינינע קראנקע, אבער מעהר פון
2-3 ווערטער קאן מען מיט זיי ניט ריידען. איך וועל מארגען
זאגען דעם דאקטאר אז איך קאן שוין געהן אין ראטע.

כ״ג איר

דער הויפט דאקטאר איז היינט ניט געקומען און קיין
אנדער דאקטאר האט קיין רעכט ניט ארויסלאזען אַ קראנקען.

כ״ה איר

נעכטען האב איך זיך אומגעקעהרט אין ראטע. אויף 2
טעג האט מען מיך בעפרייט פון לערנען און ארבייט.

כ״ט איר

מיינע פיס זיינען נאך שוואך. מיר פערנעמען זיך יעצט
מעהרסטענס מיט דער ביקס און מיט מארשיראווקא. מיר ער-

ווארטען דער קארפּוסני קאמאנדיר זאל עקזאמענירען דאס גאנצע מאסקווער מיליטער. נעכטען איז דער באטאַליאָן גע-גאנגען נאך דעם צערעמאָניאַל-מארש אבער איך בין ניט גע-גאנגען ,ווייל דער וווואדני האט בעמערקט אז מיר איז שווער צו געהן האט ער געזאגט דעם פעלדפעבעל און ער האט מיר געהייסען פארבלייבען, היינט אבער האט שוין דער פעלדפעבעל מיר ניט ערלויבט פארבלייבען און איך בין געגאנגען. מיר האבען געמארשירט אַ שטונדע צייט און מיינע פיס זיינען אזוי אפּגעשוואכט געווארען אז יעצט קאן איך גאר ניט ארום געהן.

ב. סיון

נעכטען האט דער קארפּוסני קאמאנדיר עקזאמענירט דאס מיליטער. איך בין ניט געגאנגען צו דעם עקזאמען ווייל דער פעלדפעבעל האט מיר געהייסען פארבלייבען. היינט בין איך בעשטימט געווארען צו זיין דניעוואלני אין הויף. מיין ארבייט איז אכטונג צו גיבען אויף דעם ריינקייט מען זאל אין הויף ניט ווארפען קיין שמוץ און קיין אומריינע וואסער. פאר דיעזען אַמט אזוי ווי פאר די מעהרבטע ווערען בעשטימט 3 מענשען. יעדער מענש שטעהט אין הויף 2 שטונדען און איז פריי 4 שטונדען. היינט איז ביי אונז יום טוב, דער געבורטס-טאג פון דעם גרויס פירסט סערגיי, דעם אויבער קאמאנדיר פון דעם מאסקווער מיליטערישען אקרוג.

ד. סיון

נעכטען זיינען אלע מענשען נעגאנגען אין לאגער איהם אויסצוריינינען און צוגרייטען פאר דעם זומער. מיך האט דער פעלדפעבעל איבערגעלאזט און איך האב געטאן פערשיעדענע ארבייט אין קאזארמע.

איך בין די גאנצע צייט ניט געגאנגען אין אָקאָלאָדאָק ווייל איך האב געהאפט אז מיינע פיס וועלען פון זיך זעלבסט געזונד

ווערען, אבער איך פיהל נאך ניט קיין בעסערקייט. אין גיכען וועט זיין שבועות, וועט מען אונז אידען געוויס בעפרייען אויף די 2 טעג וועל איך זיך גוט אויסרוהען און מעגליך אז איך וועל אין גאַנצען געזונד ווערען, אויב אבער ניט וועל איך געהן אין אָקאָלאָדאָק.

ח. סיון

די 2 טעג יום טוב האב איך פארבראכט ביי מר. ק. מיינע פיס זיינען אביסעל שטארקער געווארען. מיר האבען היינט זיך פערנומען מיט ביקס-ארבייט און אביסעל מארשיראווקא.

י"א סיון

נעכטען בין איך מיט נאך איניגע מענשען געשיקט גע-ווארען אויף ארבייט אין הויפט ארסענאל. די ארבייט איז גע-ווען זעהר אַ לייכטע, מיר האבען געדארפט אנלאדען פעקלאך פאפיער אויף איניגע וועגען, נאכהער אבער האט מען אונז גע-הייסען געהן מיט די וועגען צו די פולווער קעלערען און אויס-לאדען דארט דעם פאפיער און צו די פולווער-קעלערען איז ביי 8 ווערסט אין דיעזע שטרעקע האב איך געמוזט געהן צו פוס פון אין צוריק זיינען מיינע פיס וויעדער זעהר שוואך געווא-רען בין איך היינט געגאנגען אין אקאלאדאק האט מיך דער דאקטאר בעפרייט פון ארבייט און לערנען אויף 3 טעג.

י"ב סיון

מיין לאגע איז גאר ניט קיין פרעהליכע. מיינע פיס זיינען שוואך און קאנען ניט ארבייטען פיעל. אין גיכען וועלען מיר ארויסגעהן אין לאגער און דארט וועט ביי דער לעהרע געפאדערט ווערען פיעל ארום צו געהן און מיינע פיס זיינען צו דעם ניט פעהיג. געהן צו אפט אין אקאלאדאק איז אויך ניט גוט, דער פעלדפעבעל קוקט שוין אויף מיר קרום און דאס זעלבע וועט זיין מיט די איבריגע עלטערע. ניט גוט.

ט"ז סיון

נעכטען זיינען מיר ארויס געגאנגען אין לאגער. פון דעם גאנג האבען מיר אנגעפאנגען וועה טאן די פיס און נאך ביז יעצט איז מיר שווער צו געהן. היינט בין איך געגאנגען אין אקאלאדאק און דער דאקטאר האט מיך ווידער בעפרייט אויף 3 טעג.

נעכטען זיינען מיר אויפגעשטאנען אום 4 אוהר פריה און מיר האבען ארויס געטראגען די קעסטלאך, מאטראצען א. ז. וו. אין דרויסען און מיר האבען זיי ארויף געלייגט אויף וועגען און אום 6 אוהר האבען מיר זיך אויסגעסטרויעט און מיר זיינען אוועק געגאנגען אין מאניעזש. עטוואס שפעטער איז געקומען דער קאמאנדיר פאלקא און האט אונז געדאנקט פאר דער ווינטער-דיענסט און האט געזאגט אז ער האפט דאס אויך זומער וועלען מיר טאן אונזער פליכט ווי געהעריג. נאכהער האט מען געבראכט די פאהן און צו איהר עהרע האבען מיר גענומען די ביקסען „נאַ קאַראַאול" און דער ארקעסטער האט געשפיעלט דעם ספעציעלען נגון. נאכהער האט דער גלח פארגעלעזען אַ תפלה און האט געבענשט דעם פאלק און מיר זיינען אוועק געגאנגען מיט דער פאהן פאראויס. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום לאגער האבען מיר ווידער אפגעגיבען כבוד דער פאהן און מיר זיינען אריין געקומען אין לאגער. דער לאגער איז אויף דעם חאדינקא-פעלד און איז איינגעארדנעט זעהר פיין. דער גאנצער פלאץ איז בעדעקט מיט גראז און בוימער וואקסען אומעדום. פיעלע גלייכע ליניעס (סטעזשקעס) זיינען דורכגעשניטען אין דער לייננ און אין דער ברייט פון דעם לאגער, צו געהן פון פלאץ צו פלאץ און ביי די זייטען וואקסען ווילדע אבער דאך שעהנע בלומען. די וואוינונגען אבער זיינען ניט זעהר גוט. אלע סאלדאטען וואוינען אין פאַלאַטקעס (לייווענדענע געצעלטען) נאר דער ערשטער באטאליאן וואוינט

אין באַראַקען (לייכטע הילצערנע געביידעס) און אין די באַראַ-
קען איז ענג. ארום די ווענד זיינען געמאכט נאַרעס (ברייטע
הילצערנע ביינק) אויף וועלכע מיר שלאפען און אונטער די
נארעס שטעהען די קעכטלאך. דער פלאץ איז ענג און געגען
דער ברייטער הויכער קאזארמע איז דא ווי אַ תפיסה. ביי נאכט
איז נאך שטארק קאלט צו שלאפען.

כ"א סיון

מיט 3 טעג צוריק בין איך געגאנגען אין אקאלאדאק, אבער
דער דאקטאר האט מיך אפגעשיקט אין ראטע, גארניט קוקענדיג
אויף מיינע פיס דעם זעלבען טאג נאך ווארמעס איז געווען אַ
„קערפערליכע בעקוקונג" ביי וועלכער אויך אונזער ראטני קא-
מאנדיר איז געווען. ווען איך בין צוגעקומען האט ער בעקוקט
מיינע פיס און האט בעמערקט אַ געשוויר אויף זיי, האט ער
אויפמערקזאם געמאכט דעם דאקטאר וועגען דעם, האט דער
דאקטאר מיר געהייסען קומען אין אקאלאדאק בין איך געקומען
און האב געדיינקט אז יעצט וועט מען מיר עפעס טאן, אבער
עס האט זיך ווידער אויסגעלאזט מיט גאר ניט. דער הויפט
דאקטאר אונטערזוכט נאר די קראנקע וואס דער קלענערער
דאקטאר שטעלט פאַר פאר איהם און דער קלענערער דאקטאר
אנערקענט ניט אז מיינע פיס זיינען קראנק און אלעס וואס ער
טוהט ווען איך קום אין אקאלאדאק איז וואס ער בעפרייט מיך
פון לערנען אויף אַ 2 טעג. יעצט איז אויך אזוי געווען, ער
האט מיר געהייסען בלייבען אין אקאלאדאק און די פיס גוט
אויסרוהען. און דער אָקאָלאָדאָק איז דא אויך אין אַ לייוועג-
דענער פאַלאטקע און די זון ברענט בייטאג שרעקליך און ביי-
נאכט איז קאלט, און לאנגווייליג איז — איינפאך משוגע צו
ווערען האב איך איהם היינט געזאגט אז איך קאן שוין געהן אין
ראטע, האט ער מיך אפגעלאזט.

כ"ב סיון

היינט האב איך צום ערשטען מאל אנטהייל גענומען אין דער זומער לעהרע. די לעהרע וואס מיר האבען היינט געלערנט ווערט גערופען „טאַקטישע לעהרע". די „טאקטישע לעהרע" ווערט געפיהרט אזוי ווי אַ שטרייט, אַ שלאכט מיט אַ „פיינד". דער היינטיגער „שטרייט" איז געווען אויף פאלגענדען אופן: די ערשטע 2 ווזוואדען פון אונזער ראטע אונטער דער קאָמאַנדא (פיהרונג) פון דעם ראטני קאמאנדיר זיינען אוועק געגאנגען און האבען זיך אוועק געשטעלט אויף אַ פאזיציע ביי אַ 2 ווערסט פון דעם לאגער און מיר, די לעצטע 2 ווזוואדען אונטער דער פיהרונג פון דעם פאדפארוציק מר. ק. האבען געדארפט מאבען אויף זיי איין אנפאל און זיי פארטרייבען פון זייער פאזיציע. צוערשט האט מר ק. געשיקט איניגע מענשען אויסצוקוקען די פאזיציע פון דעם „פיינד" און ווען זיי האבען זיך אומגע-קעהרט האט מר. ק. צוטהיילט זיינע מענשען אויף צווייען: דער דריטער ווזוואד אונטער זיין קאמאנדא (פיהרונג) האט זיך אויסגעסטרויעט (אויסגעשטעלט) אין איין שורה און האט אנ-געהויבען געהן געגען דעם „פיינד" און דער פיערטער ווזוואד אונטער דער קאמאנדא פון דעם ווזוואדני איז געווען אַ מין רעזערוו און איז נאכגעגאנגען הינטען. ביי אַ בערגעל, אדער איין אנדער פאסיגען פלאץ האבען מיר זיך אפגעשטעלט און „געשאסען" אויף דעם פיינד און דער פיינד האט גענענטערט. ווען מיר זיינען געקומען נאהענט צום פיינד ביי אַ 200 שפאַן האבען מיר זיך פעראייניגט מיט דעם דריטען ווזוואד און אנגע-פאנגען געהן שנעל און ווען מיר זיינען געקומען גאר נאהענט, ביי אַ 50 שפאן האבען מיר אנגעפאנגען די אַטאַקע: מיר האבען אנגענומען די ביקסען מיט די שטיכען פאראויס און מיט אַ געשריי „אורא" האבען מיר זיך אַ ווארף געטאן לויפען צום פיינד און דער פיינד האט אנגעפאנגען לויפען צו אונז און ווען

מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען האבען מיר אראפּ געלאזט די ביקסען און די „שלאכט״ האט זיך געענדיגט.

ביי דעם לערנען שיסט מען מיט פאלשע פּאטראנעס. די פאלשע פּאטראנעס זיינען פול מיט פולווער און ווען מען שיסט הערט זיך א שטארקער קלאפּ, אבער אנשטאט אַ קויל זיצט אין מויל פון פּאטראן אַ שטיקעל פּאפּיער.

אין דער צייט פון דעם לערנען טראגען מיר מיט זיך אלע זאכען, וואס אַ סאלדאט דארף האבען ווען ער געהט אין וועג. דער שינעל איז צונויפגעקייקעלט און פערבונדען ביי די עקען, געמאכט ווי אַ רייף און מען טוהט איהם אָן איבער דעם לינקען אקסעל און אונטער דעם רעכטען ארעם. צו דעם שינעל איז צו-געבונדען אַ קליין קופּערען קעסעלע אין וועלכען מען קאן אריין גיסען געקעכטס און אנדערע שפּייז. אויף דער לינקער זייט טראגט מען אַ לייווענדענעס בייטעל אין וועלכען מען האלט נויטיגע זאכען: וועש, אַ צווייטע פּאר שטיוועל א. ד. ג. און איבער דעם בייטעל הייגנט אַ הילצערען, פּלאטשיג פּעסעלע צו האלטען וואסער. דיעזע אלע זאכען האבען מיר בעקומען פון צייכהאַוז איידער מיר זיינען ארוים געגאנגען אין לאגער. פיעלע טראגען נאך מיט זיך אייזערנע לאפּאטקעס (גראב-אייזענס) אין לעדערנע שיידלאך, אויפגעהאנגען אויף דעם פּאס צו דער רעכטער זייט. די לאפּאטקעס בענוצט מען ווען מען דארף עפּעס גראבען.

ווען מען שיסט מיט פולווער מוז מען נאכהער אויסרייניגען די ביקס, אויב ניט ווערט זי פארזשאוועט (פארשימעלט).

יעדער ראטע האט 2 באַראַבאַנשציקעס (פּויקער) און 2 סיגנאליסטען. די באראבאנשציקעס פּויקען מאנכעס מאל אויף דעם בעפעהל פון דעם ראָטני, צו מאכען די סאלדאטען מונטע-רער און די סיגנאליסטען טרובען (בלאָזען) אויף זייערע טרובעס געוויסע סיגנאלען, וואס דער קאמאנדיר וויל איבערגעבען צו

די סאלדאטען, וואס זיינען אביסעל וויטלאך צ. ב. ש. אנפאנ-
גען די אַטאַקע, אפשטעלען די שלאכט א. ד. ג.

כ״ד סיון

אום די סאלדאטען זאלען זיך אויסלערנען גוט שיסען מאכט מען דורך דעם זומער 8 שלאכט-שיסונגען, ד. ה. מיט ריכטיגע שלאכט-פאטראנעס. יעדען מאל שיסט אַ מענש מיט 5 פאַט-ראנעס, די צאהל פאטראנעס מיט וועלכע מען לאדט אָן די ביקס אויף אַ מאל, ס״ה 40 פאטראנעס. דיעזע 8 שלאכט-שיסונגען מוז יעדער סאלדאט דורכמאכען, אפילו די יעניגע, וואס זיינען בעשעפטיגט מיט ספעציעלע ארבייט און נעמען ניט קיין אַנ-טהייל אין דער מיליטערישער לעהרע אזוי ווי בעקערס, קוכערס, א. ז. וו. די צאהל קוילען וואס יעדער סאלדאט טרעפט אין ציעל ביי דיעזע 8 שיסונגען ווערט פערצייכענט אין אַ בוך, וועד עס טרעפט 24 קוילען פון די 40 דער ווערט פארועכענט אלס ערשטע קלאַסע שיסער וועד עס טרעפט 16 קוילען איז אַ צווייטע קלאסע שיסער. ווייניגער פון 16 — איז אַ דריטע קלאסע שיסער.

דיעזע 8 שיסונגען ווערען גערופען מיט איין אלגעמיינעם נאמען: „שיסונג-קורס״, יעדע שיסונג בעזונדער ווערט גערופען: „קורס-שיסונג״.

אויסער דיעזע 8 קורס שיסונגען שיסט מען נאך מיט שלאכט-פאטראנעס 2 מאל פאר דעם „קורס״ און איינינע מאל נאך דעם „קורס״, אבער דיעזע שיסונגען זיינען אזוי ווי געוואוינ-ליכע לערנונגען. זיי ווערען טאַקע גערופען: „לעהרע-שיסונגען״ און זיינען ניט קיין מוז פאר יעדען סאלדאט און די צאהל קוילען וואס מען טרעפט פון זיי ווערט ניט פארשריבען.

דאס שיסען איז זעהר וויכטיג ביי די אפיצערען און זיי זיינען שטארק אין כעס אויף די סאלדאטען וואס פארפעהלען אפט דעם ציעל.

נעכטען איז געווען די ערשטע לעהרע שיסונג. מיר זיינען אויפגעשטאנען אום 4 אוהר און אום 5 זיינען מיר אוועק געגאנגען אונטער דער קאמאנדא פון דעם פעלדפעבעל צו דעם שיס-פלאץ, וואס איז ווייט פון דעם לאגער אַ 2 ווערסט. דארט האט זיך פערזאמעלט דער גאנצער באטאליאן און דער באטאליאני קאמאנדיר מיט די ראטני-קאמאנדירען זיינען אויך געקומען און דאס שיסען האט זיך אנגעפאנגען.

יעדער ראטע האט געהאט פלאץ פאר 12 מענשען און מען האט געשאסען נאך דער רייהע: 12 מענשען זיינען ארויס געגאנגען און האבען געשאסען און אז זיי האבען געענדיגט זיינען ארויס געקומען אנדערע 12 א. א. וו.

אין דער ברייט פון דעם שיס-פלאץ איז אויסגעשטעלט אַ שורה מישענעס (ברעטער אויף וועלכע עס זיינען אנגעקלעפט בילדער פון מענשען אין דער פולער גרויס) און געגען יעדען מישען שטעלט זיך אַ מענש און שיסט. ווען די 12 וואס שיסען ענדיגען, טרובען די סיגנאליסטען אויף זייערע טרובעס אַ געוויסען סיגנאל און מענשען, וואס ווערען גערופען „מאַחאַלני" אין דער זעלבער צאהל וואס די מישענעס זיצען אין אַ גוט בעשיצטען פלאץ און ווען זיי דערהערען דעם סיגנאל געהען זיי ארויס פון זייער בעהעלטניס און יעדער „מאחאלנע" געהט צו צו זיין מישען און זעהט צו עס זיינען דא אין איהם לעכער פון די קוילען. אויב עס זיינען דא לעכער קלאפט ער אריין אַ הילצערנעם פלעקעל אין יעדען לעכעל און דער עלטסטער „מאחאלנע" „מאַחאַיעט" (הויבט אויף און לאזט אראפ) איבער דעם מישען מיט אַ רויט פעהנדעל אזוי פיעל מאל וויפיעל לעכער זיינען געווען אין איהם ד. ה. וויפיעל קוילען עס זיינען אין איהם געטראפען געווארען, דאמאלס ווייסט דער יעניגער, וואס האט געשאסען אין דעם מישען וויפיעל קוילען ער האט געטראפען און ער רופט אויס: „פ. ב. פ. (זיין נאמען) צוויי!" אדער „דריי!"

וויפיעל ער האט געטראפפען און דער ראטני קאמאנדיר פאר-שרייבט אין אַ בוך. אויב אבער אין מישען איז ניטא קיין לעכער, ד. ה. קיין קוילען זיינען ניט געטראפען געווארען הויבט אויף דער מאהאלנע איבער איהם אַ ווייס פעהנדעל און דאן רופט דער שיסער אויס: „פ. ב. פ. פארפעהלט!".

ווי אויבען געזאגט איז דיעזע ערשטע שיסונג ניט קיין וויכטיגע. מען האט געשאסען זעהר נאהענט. כמעט אלע און איך אויך האבען געטראפפען אלע 5 מאל.

פון 5 ביז 7 פאר נאכט האבען מיר געלערענט משער זיין וויטקייט. מיר זיינען ארויס געגאנגען אין פעלד און דער ראטני קאמאנדיר האט אנגעוויזען אויף פערשיעדענע פונקטען: אַ בוים, אַ בערגעל א. ד. ג. און יעדער מענש האט געזאגט וויפיעל ער דענקט עס איז ווייט צו דעם פונקט. דאס לערנט מען אום דער סאלדאט זאל וויסען ווי אזוי אנשטעלען די ביקס ווען ער וועט דארפען שיסען אויף דעם שונא.

היינט אין דער פריה האבען מיר געלערנט „סטרוי" לעהרע, אבער אויף אַ פיעל ברייטערען איפן ווי אום ווינטער. עס זיינען געטאן געווארען פיעלע טהאטען און ארבייט וועלכע איך האב נאך ניט ריכטיג בעגריפען.

מיינע פיס זיינען נאך זעהר שוואך.

כ"ה סיון

נעכטען פאר נאכט האבען מיר געלערענט גראבען טראנ-שעען און אנדערע גראבענס. מיר זיינען ארויס געגאנגען אין פעלד אונטער דער קאמאנדא פון דעם ראטני און ער האט אונז ערקלעהרט וועלכע טראנשעען מען דארף גראבען צו בעשיצען זיך פון ביקס-קוילען און וועלכע — צו בעשיצען זיך פון ארטי-לעריע און אזוי אויך אַנדערע גראבענס: צו קאבען אין זיי ווען מען איז אין וועג א. ד. ג. נאכהער האבען מיר געמאכט עקס-פערימענטען און געגראבען פערשיעדענע גראבענס.

היינט אין דער פריה האבען מיר געלערנט „טאקטישע לעהרע" אַ מין געשלעג מיט אַ שונא, ווי איך האב פריהער ער־קלעהרט.

איך האב היינט אין דער פריה געפיהלט אַ שטארקע שוואכקייט אין די פיס האב איך געבעטען דעם ווזוואדני ער זאל מיך איבערלאזען, אבער ער האט מיר געזאגט אז עס איז גלייכער פאר מיר איך זאל געהן, ווייל אויב איך וועל ניט געהן וועט דער פעלדפעבעל זיין ברוגז און מארגען וועט דאך זיין זונטאג וועל איך קאנען געהן אין אקאלאדאק אונגעשטערט. און אזוי ווי אויף צו להכעיס איז די לעהרע היינט פארגעקומען אין אַ בערגיגען געגענד און מיר האבען די גאנצע צייט געדארפט קלעטערען אויף בערג און ארונטערלאזען זיך אין טהאלען זיינען מיינע פיס אזוי אפגעשוואכט געווארען אז ווען מיר האבען זיך אומגעקעהרט אין באראק האבען זיי איננאנצען אויפגעהערט ארבייטען און איך בין געבליבען ליגען. יעצט, נאך איינינע שטונדען רוהע קאן איך קוים שלעפען די פיס אַ צוויי, דריי טרעט. ניט גוט! מארגען וועל איך געהן אין אקאלאדאק, אבער איך ווייס אז דער עזעל, דער דאקטאר וועט מיר גאר ניט טאן, ווייל אויף מיינע פיס זיינען דאך ניטא ניט קיין וואונדען, ניט קיין מכות... און איין אינווענינגסטע שוואכקייט ?.. אבער ווער גלויבט אין אזעלכע נארישקייטען ?...

כ"ו סיון

היינט בין איך געגאנגען אין אקאלאדאק. איך האב דארט געטראפען דעם הויפט דאקטאר און ער האט מיך דערקאנט. ער האט מיך נאך אמאל באקוקט און האט מיר געזאגט, אז אין גיכען וועט ער פאר מיר עפעס טאן. דערווייליע האט ער מיך בעפרייט פון לערנען און ארבייט אויף 3 טעג.

כ"ח סיון

עס איז היינט דער דריטער טאג וואס איך טוה גאר ניט. מיינע פיס ווערען שטארקער, אבער איך ווייס אז ווען איך וועל

אַ צוויי מאהל געהן אויף דער לעהרע וועלען זיי ווידער שוואך ווערען. און וואס וועט זיין דער סוף?

אַה! שלעכט צו זיין אַ קראנקער סאלדאט. איך קאן ניט געהן איין איינפאכען גאנג און איך דארף געהן מיליטערישע גיינג. און קורירען קורירט מען מיך ניט. קום איך אין אָקאַ-לאדאק און טרעף דעם הויפט דאקטאר בעפרייעט ער מיך יוע-ניגסטענס אויף אַ צוויי טעג, דער קלענערער דאקטאר גיט מיר דיעזע פריווילעגיע אויך ניט. און וואס וועט זיין דער סוף? יעדער קריינק איז דאך גוט צו היילען אין איהר אנפאנג, ניט ווען מען פארלאזט זי און מיך קורירט מען ניט קאן דאך זיין אז די קריינק וועט זיך אין מיר איינוואָרצלען און איך וועל בלייבען אַ קראנקער. וואס פאר אַ הארץ-וועהטאג! אויף מיינע פיס איז ניטא קיין געשוויר, קיין וואונד און קיין וועהטאג איז אויך ניטא און געהן פיעל קאן איך ניט און אז איך שטרענג זיך אָן און געה אויף דער לעהרע איז ווי נאר איך רוה זיך אפּ עטוואס הערען אויף די פיס ארבייטען אין גאנצען און בלייבען ווי פּאַ-ראַליזירט און איך קאן קוים קוים איבערגעהן דעם באראק. עס טרעפט ביי דער לעהרע אז דער ראטני הייסט זיך אוועקליי-גען צו בעהאלטען זיך פון דעם שונא, אדער שיסען ליגענדיג דאמאלס אז איך שטעה אויף איז שוין מיר שווער, זעהר שווער צו געהן. שלעכט! זעהר, זעהר שלעכט.

פון זינט מיר זיינען ארויסגעגאנגען אין לאגער האט אין גאנצען אויפגעהערט דער אונטערשיעד צווישען די יונגע סאלדאטען און די אלטע, אלע זיינען גלייך. די אלטע סאל-דאטען טוען איינפאכע ארבייט ווי די יונגע און די לעצטע געהען אין קאראאול און טראגען אמטען ווי די אלטע.

דער קאראאול און די אמטען זיינען אַ וויכטיגע טהייל פון דער מיליטער דיענסט.

ווען אַ סאלדאט ווערט בעשטימט צו בעוואכען וואס עס

איז פון דעם פאלקס אייגענטהום אדער פון דער רעגיערונגס אייגענטהום וואס אין שטאט, הייסט דאס אויף אונזער לשון „ער געהט אין קאראאול״. און ווען איינער ווערט בעשטימט אכטונג צו גיבען וואו עס איז, אז אלעס זאל זיין אין ארדנונג, הייסט דאס „ער טראגט איין אמט״.

סיי אין קאראאול סיי פאר איין אמט ווערט אַ מענש בע־שטימט נאר אויף 1 מעת-לעת און נאכהער ווערט ער אומגעבי־טען דורך איין אנדערען.

דאס בעוואכען דעם פאלקס אייגענטהום: דעם ארסענאל, דעם צייכהאַאוז א. ד. ג. ווערט גערופען: „פאלק-קאַראַאול״ און דאס בעוואכען דער רעגיערונגס אייגענטהום וואס געפינט זיך אין שטאט: די רעגיערונגס באנק, די פולווער קעלערען א. ד. ג. ווערט גערופען: „שטאט-קאַראַאול.

פאר דעם שטאט-קאַראַאול ווערט בעשטימט יעדען טאג איין אנדער פאלק נאך דער רייהע. (דא זיינען דא 8 פאלקען). פאר דעם פאלק-קאַראַאול ווערט בעשטימט יעדען טאג 1 ראטע נאך דער רייהע. איך זאג עס ווערט בעשטימט אַ ראטע פאר דעם פאלק-קאַראַאול, אבער דאס הייסט ניט אז אלע מענשען פון דער ראטע געהען אין קאראאול, נאר אז דיעזע ראטע שיקט די צאהל מענשען וואס ווערט געברויכט פאר דעם פאלק-קאראאול, און די איבריגע טוען זיך וואס זיי טוען. דאס זעלבע איז מיט דעם שטאט-קאראאול: יעדען טאג שיקט איין אנדער פאלק די צאהל מענשען וואס ווערען געברויכט פאר דעם שטאט-קאַראַאול.

פאר די אמטען ווערען אויך געברויכט פיעלע מענשען יעדען טאג.

אויסער די דיעזשורנים און דניוואלנים פון יעדער ראטע בעזונדער ווערען נאך בעשטימט מענשען צו טראגען די אלגע־מיינע פאלק-אמטען: אכטונג צו גיבען אויף דער ארדנונג און

ריינקייט אין אלע פאלק-אינסטיטוציאנען: אין אקאלאדאק, אין בעקעריי, אין די קיכען א. ד. ג. פאר דיעזע אלגעמיינע פאלק-אמטען ווערט בעשטימט יעדען טאג איין אנדער ראטע נאך דער רייה. די ראטע וואס טראגט די אמטען ווערט גע-רופען: „דיעזשורני ראטע".

ג. תמוז

לעצטע וואך האבען מיר גאנץ װעניג געלערענט, ווייל מאנטאג איז אונזער ראטע געװען די „דיעזשורני ראטע" ד. ה. מענשען פון אונזער ראטע האבען פארנומען די אמטען פון פאלק האבען מיר שוין ניט געלערענט אויך דיענסטאג ווייל די מענשען דארפען דאך זיך אפרוהען. מיטוואך איז דער פאלק געגאנגען אין שטאט-קאראאול האבען מיר שוין אויך דאנער-שטאג ניט געלערענט.

פרייטאג אין דער פריה איז געװען די צווייטע לעהרע-שיסונג. מיר האבען געשאסען 2 מאל שטעהענדיג און 3 מאל קניענדיג. איך האב געטראפען 2 קוילען.

פאר נאכט איז געװען אַ טאקטישע לעהרע ד. ה. אַ שטרייט אַ געשלעג מיט דעם „שונא". דער „שונא" מיט וועלכען מיר האבען מלחמה געהאלטען זיינען געװען 3 מענשען מיט פעהנד-לאך אין די הענד, וואס זיינען געשטאנען לעבען אַ טהאל אין פאלגענדער ארדנונג: צווערשט איז געשטאנען אַ מאן מיט אַ ווייס פעהנדעל, וואס ווערט גערעכענט ווי די „פאדערשטע רייהע" ד. ה. ווי די רייהע וואס שטעלט זיך אויס געגען דעם שונא און פאנגט אן שיסען אויף איהם. הינטער איהם ביי אַ 50 שפאן איז געשטאנען אַ מאן מיט אַ גרין פעהנדעל וואס ווערט גערעכענט ווי אַ רעזערוו אבטהיילונג און צו דער רעכטער זייט ביי אַ 50 שפאן ווייט איז געשטאנען א מאן מיט אַ געל פעהנדעל וואס ווערט גערעכענט ווי קאוואליעריע. מיר האבען אנגעפאנגען אונזער אנגריף ביי אַ צוויי ווערסט ווייט. די

ערשטע 2 וווואדען האבען זיך אויסגעסטרויעט (אויסגעשטעלט) אין איין רייהע און זיינען געוועז די „פאדערשטע רייהע" און מיר, די לעצטע 2 וווואדען זיינען געוועז דער רעזערוו. ווי נאר מיר האבען דערזעהן דעם „פיינד" האט די פאדערשטע רייהע אנגעפאנגען שיסען און אז מיר זיינען צוגעקומען נאהענט אַ 200 שפאן האבען מיר אלע צוזאמען זיך אַ ווארף געטאן מיט די שטיכען פאראויס, מיט אַ געשריי „אורא" און די „מלחמה" האט זיך געענדיגט.

שבת אין דער פריה איז געווען אַ „סטרוי" לעהרע, וועגען „סטרוי" לעהרע אין אלגעמיין וועל איך ריידען אביסעל שפעטער ווען איך וועל זיך בעסער בעקאנען מיט איהר.

היינט אין דער פריה בין איך וויעדער געגאנגען אין אקא-לאדאק האט מיר דער קלענערער דאקטאר געזאגט אז דער הויפט-דאקטאר וויל מיך שיקען אין מיליטערישען האספיטאל.

אה! ווי ווערט מען שוין פטור פון דיעזער לאגע! איך האב שוין לאנג בעמערקט אז דער פעלדפעבעל איז ניט צופרי-דען מיט מיין אפטען געהן אין אקאלאדאק, אבער ביז יעצט האט ער מיר גארניט געזאגט. היינט אבער איז ער צוגעקומען צו מיר און האט געפרעגט בייז: „אויף וואס ביזטו קראנק?" און אז איך האב איהם געענטפערט אז עס טוען מיר וועה די פיס האט ער זיך צושריען: „עס איז אַ ליגען! דו ביסט אַ „זשיד" אַ פוילענצער! דו ווילסט ניט טאן גאר ניט! א. ז. וו.

ד. תמוז

היינט אין דער פריה איז געווען די ערשטע קורס-שיסונג אויף אַ שטרעקע פון 200 שפאן, דאס איז די ערשטע וויכטיגע שיסונג און די קוילען וואס מען האט געטראפען ווערען פאר-שריבען. איך האב געטראפען 3 קוילען. מיר האבען געשאסען שטעהענדיג.

ו. תמוז

נעכטען פון 3 ביז 5 פארנאכט איז געווען די צווייטע קורס-שיסונג אויף אַ שטרעקע פון 200 שפאן. עס האט דעם גאנצען טאג שטארק גערעגענט און אַ קאלטער ווינד האט גע-בלאזען. אלע מענשען האבען געציטערט פון קעלט, און אנטאן די שינעלען האט מען ניט בעפוילען. איך האב געשאסען במעט צו לעצט, ווייל איך בין אין פיערטען וזוואד און ביז מיין רייהע צו שיסען איז געקומען בין איך אין גאנצען דורכגענעצט געווארען און די פיס האבען בוכשטעבליך געווייקט אין וואסער ווייל דער לעדער פון די קאזיאני (פון דער רעגירונג) שטיוועל טויג אויף אַ כפרה און די ארבייט איז אויך ניט בעסער און דער ווינד האט שטארק פארגרעסערט די קעלט אזוי אז איך האב אין גאנצען געציטערט און מיינע פינגער זיינען פארגליווערט געווארען. און געשאסען האבען מיר קניענדיג און איך קאן ניט ריכטיג איינבויגען די פיס אזוי אז דער קערפער האט ניט געקאנט שטעהן פעסט און ביי דעם שיסען מוז דער קערפער זיך האלטען פעסט, ווען ניט קאן מען ניט טרעפען אין ציעל. הכלל, איך האב ניט געטראפען אפילו 1 קויל און דער ראטני האט אויף מיר גאנץ בייז אַ קוק געטאן ווען איך האב אויס-גערופען: „ק...ד פארפעהלט, אייער הויכפיינקייט!" ווייל קיין זאך איז ניט אזוי טייער ביי די אפיצערען ווי דאס שיסען. אַה, וואס פאר אַ הארץ וועהטאג! 4 שטונדען דורכאנאנד האב איך געווייקט אין וואסער, געציטערט פון קעלט און ווען מיר האבען זיך אומגעקעהרט אין באראק האבען מיר געדארפט רייניגען די ביקסען אזוי אז מיר האבען שוין קיין צייט ניט געהאט טרינקען טיי און עפעס עסען און ערשט איז נאך דער ראטני אויף מיר בייז געווארען. אַ שטיקעל טרייסט האב איך וואס קיינער האט נעכטען פיעל ניט געטראפען און פיעלע האבען אין גאנצען פארפעהלט אזוי ווי איך.

היינט איז דער פּאלק אוועקגעגאנגען אין שטאט-קאראאול און איך בין בעשטימט געווארען צו זיין דניוואלני אין ראטע. אין לאגער ווערען בעשטימט 3 דניוואלנים פאר דער ראטע, איינער שטעהט אין דרויסען לעבען דעם באראק, (אדער לעבען די פּאַלאַטקעס) אויף דער פאדערשטער ליניע (סטעזשקא) אונטער אַ זאָנט (אַ הילצערנער סלופּ און פון אויבען אַ דעכעל, אזוי ווי איין אפענער פּאַראַסאָל). דער צווייטער שטעהט אין באראק (אדער אין פּאלאטקע) און דער דריטער רוהט. אז עס געהען איבער 2 שטונדען בייטען זיי זיך: דער וואס האט גערוהט שטעלט זיך אין באראק, דער וואס איז געשטאנען אין באראק שטעלט זיך אין דרויסען אונטער דעם זאָנט און דער וואס איז געשטאנען אין דרויסען געהט רוהען. אזוי בייטען זיי זיך אלע 2 שטונדען ביז דער מעת-לעת געהט פאראיבער און זיי ווערען אומגעביטען פון אנדערע. לערנען געהט ניט בלויז דער דניוואלני וואס שטעהט אין דרויסען אין דער צייט ווען די ראטע געהט אוועק אויף דער לעהרע.

די פליכטען פון דעם דניוואלני וואס שטעהט אין דרויסען זיינען פאלגענדע: אכטונג גיבען אויף דעם ריינקייט ארום און ארום, אכטונג גיבען אז קיין פרעמדע מענשען, איבערהויפּט פרעמדע פרויען זאלען זיך ניט אומדרעהען אין לאגער און די סאלדאטען זאלען ניט מאכען קיין אונארדנונגען: זאלען ניט שיכור'ן, זאלען זיך ניט שלאגען א. ד. ג.

ווען עס קומט צו איין אפיצער פון די דירעקטע נאטשאל-ניקעס דארף דער דניוואלני אַ געשריי טאן צום דיעזשורני ער זאל ארויס קומען איהם באגעגענען.

פאר דער עהרע פון דעם קאמאנדיר-פּאלקא און העכער ווערען ארויסגערופען אין דרויסען אויף דער פאדערשטער ליניע אלע דיעזשורנים פון דער קערפּערשאפט איבער וועלכער ער איז נאטשאלניק. צ. ב. ש. ווען דער דניוואלני דערזעהט דעם

קאמאנדיר פאלקא רופט ער אוים: „די דיעזשורנים פון דעם ערשטען גרענאדיערישען פאלק, אויף דער ליניע!״ דערהערט דער צווייטער דניעזוואלני און רופט אויך אוים דאס זעלבע און אזוי אויך דער דריטער א. ז. וו. און אין איין מינוט געהט דורך דער רוף איבער דעם גאנצען פלאץ אויף וועלכען דער פאלק וואוינט און די דיעזשורנים געהען ארוים און שטעלען זיך אוועק אויף דער ליניע און זיי שטעהען דארט ביז דער קאמאנדיר הייסט זיי אוועק געהן, דאן רופט אוים דער דניוואלני: „דיעזשורנים, אוועק געהן!״ דערהערט דער צווייטער און רופט אויך אוים דאס זעלבע א. ז. וו. און אין איין מינוט ווייסען שוין אלע דיעזשורנים אז זיי מעגען שוין אוועק געהן. ווען דער דניוואלני דערזעהט דעם נאטשאלניק-דיוויזיא רופט ער אוים: „די דיעזשורנים פון דער ערשטער גרענאדיערישער דיוויזיא, אויף דער ליניע!״ א. ז. וו. פאר דעם קארפוסני קאמאנדיר און העכער רופט מען ארוים אלע דיעזשורנים פון דעם גאנצען מיליטער וואס וואוינט אין דעם לאגער, אפילו ווען מען דערזעהט איהם אין איין עק לאגער, אבוואהל ביז צו דעם אנדערען עק איז אַ 2 ווערסט.

פון 9 אוהר אבענד ביז אין דער פריה רופט מען ניט ארוים די דיעזשורנים אויף דער ליניע.

אין דער מיט פון דעם פלאץ וואס דער פאלק פארנעמט איז דא איין ארט וואס רופט זיך „די מיט פון פאלק״ דארט שטעהט אַ גרויסע פאלאטקע אין וועלכע עס געפינען זיך דער דיעזשורני פעלדפעבעל און דער דיעזשורני פויקער און א צימער פאר דעם דיעזשורני אפיצער. דארט פערזאמלען זיך די יעניגע וואס דארפען עפעס טאן איין אלגעמיינע פאלק ארבייט און אהין קומען די דיעזשורנים פון די ראטעס ווען דער דיעזשורני אפיצער דארף זיי עפעס אנזאגען. ווען צ. ב. ש. דער דיעזשורני פעלדפעבעל וויל איבער גיבען אַ בעפעהל אז פון יעדער ראטע

זאל מען שיקען 2 מענשען אויף ארבייט אדער אז דער און דער דיעזשורני זאל קומען אין „מיט-פאלק״, געהט ער צו צו דעם נאהענטען דניעוואלני און רופט אויס זיין בעפעהל און דער דניעוואלני רופט אויך אויס דעם זעלבען בעפעהל און אזוי דער צווייטער, דער דריטער א. ז. וו. און איין מינוט ווייסען אלע דיעזשורנים וואס עס ווערט געפאדערט.

אט דיעזע אויסרופונגען זיינען די הויפט ארבייט פון דעם דניעוואלני וואס שטעהט אין דרויסען אויף דער ליניע.

די פליכטען פון דעם דניעוואלני וואס שטעהט אין באראק זיינען די זעלבע וואס די פליכטען פון דעם דניעוואלני אין קאזארמע.

ח. תמוז

היינט אין דער פריה, פון 6 ביז 10 איז געווען די דריטע קורס-שיסונג. מיר האבען געשאסען קניענדיג אויף א שטרעקע פון 300 שפאן אין מישענעס פון האלבע מענשען, אזוי ווי די סאלדאטען פון דעם שונא וואלטען געשטאנען אין אַ טראנשעע אדער הינטער אַ בערגעל און מען וואלט זיי געזעהן בלויז פון דער אויבערשטער העלפט. איך האב געטראפען 1 קויל.

שלעכט ! איך קאן ניט שיסען קניענדיג. איך קאן די פיס ניט איינבויגען ריכטיג.

ביז יעצט האבען מיר מאנכעס מאל געליטען פון קעלט און פון רעגען און יעצט ליידען מיר פון היץ, שטויב און דורשט. מיר זיינען ארויסגעגאנגען אום 5 אוהר און מיר האבען קיין צייט ניט געהאט טרינקען טיי און ארום 7 האט די זון אנגעפאנגען שטארק וואַרמען. דער דורשט איז געווארען שרעקליך, ווייל די וואסער וואס מען נעמט מיט אין דעם קליינעם פעסעלע ווערט פערדארבען און מען קאן זי ניט טרינקען און דער שטויב וואס הויבט זיך אויף ווען מען געהט דרינגט אריין אין מויל און אין האלז אזוי אז עס ווערט שווער צו אטהעמען.

פריינקעל האט מיר צוגעשיקט זיין בוך „בעוד מאה שנה" און האט אויף דער פאדער בלאט אנגעשריבען אז ער שיקט מיר דעם בוך אלס אַ צייכען פון ליעבשאפט און אכטונג וואס איך האלט פאר אַ גרויסער, גרויסער עהרע.

אז אַ סאלדאט האט עפּעס אַ בוך דארף ער איהם גיבען דעם ראטני דורך צולעזען און אויב דער ראטני ערלויבט האלטען דעם בוך שרייבט ער אויף איהם אָן זיין ערלויבניש. אהן דעם ראטני'ס ערלויבניש טאר מען ניט האלטען קיין בוך.

י. תמוז

נעכטען האט מען מיך גערופען אין פאלק-קאנצעלאריע (אָפיס) און פון דארטען האט מען מיך מיט נאך 2 סאלדאטען אוועקגעשיקט אין הויפט מיליטערישען האספיטאל פון דעם אָקרוג (קרייז, ראַיאָן). אין האספיטאל האבען אייניגע דאק-טוירים בעקוקט מיינע פיס, האבען עפּעס געשריבען און האבען מיר געהייסען געהן צוריק. וואס זיי דיינקען וועגען מיינע פיס וויים איך ניט.

פון דעם לאגער ביז דעם האספיטאל איז ביי 15 ווערסט און מיך האט מען געשיקט אהין ווייל איך האב קראנקע פיס און דאך האט מען ניט געפונען פאר נויטיג מיך שיקען אויף אַ וואגען נאר מען האט מיך געלאזט געהן צופוס. ביי האלב וועג זיינען מיר געפארען אויף דעם טראמוויי אויף אייגענע הוצאות און האלב וועג האבען מיר געמוזט געהן און אז איך האב זיך אומגעקעהרט אין לאגער בין איך געבליבען ליגען און האב ניט געקאנט אַ טראָט טאן אייניגע שטונדען.

י"ג תמוז

אין דעם „פריקאַז" (בעפעהל, פעראָרדנונג) וואס דער קאמאנדיר פאלקא גיט ארויס צו זיין פאלק יעדען טאג איז היינט געזאגט געווארען וועגען מיר פאלגענדעס: „דער

„ריאדאוואי" (רייהע מאן, איינפאכער סאלדאט) א. ק. איז אונטערזוכט געווארען פון אַ דאקטוירים קאמיסיע אין מיליטער-רישען האספיטאל און עס איז פעסטגעשטעלט געווארען אז זיינע פיס זיינען ניט ריכטיג געבויעט און זיינען ניט פאסיג פאר מיליטערישע איבונגען און ער דארף דארום בעקומען איין אמט אדער ארבייט ניט אין „סטרוי" (רייהען פון אקטיווען מיליטער").

ווער וויים וואו איך וועל יעצט מגלגל ווערען.

היינט אין דער פריה פון 6 ביז 9 איז געווען די פיערטע קורס-שיסונג אויף אַ שטרעקע פון 400 שפאן. מיר האבען געשאסען שטעהענדיג. איך האב געטראפען 2 מאל. עס האט געבלאזען א שטארקער ווינד און ווען עס איז שטארק ווינדיג איז שווער צו טרעפען אין ציעל.

ט"ו תמוז

עהרנעכטען איז אינזער ראטע געווען די „דיעזשורני ראטע" ד. ה. מענשען פון אונזער ראטע האבען פערנומען די אלגעמיינע פאלק אמטען און נאך דעם שיסען האבען מיר באלד פערנומען אונזערע אמטען איך בין געווען א פאסילני (אַ שליח, א שיק מענש) אין פאלק קאנצעלאריע. מיין ארבייט איז געווען טראגען פאפיערען און פאקעטען אין פערשיעדענע פלעצער. (עס איז זעלבסט פערשטענדליך אז א מענש מיט שוואכע פיס דארף גראד בעשטימט ווערען פאר איין אמט וואס בעשטעהט פון ארום געהן).

נעכטען איז דער פאלק געגאנגען אין שטאט-קאראאול און אונזער ראטע איז ניט געגאנגען ווייל זי האט דאך דעם פאריגען מעת-לעת געטראגען די פאלק אמטען און האט נאך ניט געהאט קיין פרייע נאכט צו שלאפען, האבען מיר זיך אפגערוהט ביז 5 אוהר פאר נאכט און דאן האט מען אונז ארוים געשיקט אויף דעם שיס-פלאץ אויפצוקלייבען די

אויסגעשאסענע קוילען. די קוילען ווערען איבערגעגעבען אין ארכענאל און זיי ווערען ווידער פארברויכט פאר פאטראנעס.

י״ז תמוז

די זומער לעהרע ווערט איינגעטהיילט אין איניגע קורסען נאך די מיליטערישע קערפערשאפטען, אדער טהיילען. צוערשט קומט די ראטני לעהרע ד. ה. יעדער ראטע לערנט זיך בעזונדער אונטער דער קאמאנדא פון דעם ראטני קאמאנדיר. נאכהער קומט די באטאליאני לעהרע ד. ה. דער גאנצער באטאליאן לערנט זיך צוזאמען אונטער דער קאמאנדא פון דעם באטאליאני קאמאנדיר. נאכהער קומט די פאלק-לעהרע, בריגאדע-לעהרע א. ז. וו. ביז צולעצט לערנט זיך דאס גאנצע מיליטער צוזאמען. עס איז זעלבסט פערשטענדליך אז וואס גרעסער די קערפערשאפט איז, אלץ גרעסער ווערט דער מאסשטאב פון דער לעהרע, אלץ גרעסערע מיליטערישע אפעראציעס ווערען דורך איהר געפראקטיצירט.

ווען עס ענדיגט זיך דער קורס פון איין קערפערשאפט עקזאמענירט זי איין נאטשאלניק וואס איז העכער מיט א שטופע פון דער פאלגענדער: די ראטני לעהרע עקזאמענירט דער קאמאנדיר פאלקא, די באטאליאני לעהרע עקזאמענירט דער בריגאדני קאמאנדיר א. ז. וו.

ביז יעצט איז געווען די ראטני לעהרע, יעדער ראטע האט זיך געלערענט בעזונדער. יעצט האט זיך די ראטני לעהרע געענדיגט און דער קאמאנדיר פאלקא האט נעכטען עקזאמענירט די ראטעס. אין א 2 טעג ארום וועט זיך אנפאנגען די באטאליאני לעהרע.

איך בין ביי דעם עקזאמען ניט געווען, ווייל אויף מיין מארשירען האבען זיך די עלטערע ניט געוואלט פארלאזען האט דער פעלדפעבעל געהייסען איך זאל אומבייטען דעם דני-וואלני און ער איז געגאנגען אויף מיין פלאץ.

ניט גוט, ניט גוט! די עלטערע זיינען מיט מיר ניט צו-פריעדען און מיינע „קאמעראדען" מאכען פון מיר הוזק און זאגען אז איך מאך זיך קראנק אום ניט צו געהן אויף דער לעהרע. דער דניוואלני, וועמען איך האב נעכטען אומגעביטען איז געוועזען שרעקליך בייז אויף מיר, ווייל איבער מיר האט ער געדארפט געהן אויף דער לעהרע, האט ער מיך און אידען אין אלגעמיין געשאלטען מיט „טויטע קללות" און האט נאך מיר פערשפראכען ביי דער ערשטער געלעגענהייט מיר צוברעכען די ביינער...

היינט בין איך בעשטימט געווארען צו זיין דניוואלני אין ראטע. דיעזער דניוואלני-אמט איז יעצט דער ערגסטער, ווייל דער דניוואלני טראגט דעם אמט 4 שטונדען און רוהט בלויז 2.

י"ט תמוז

נעכטען האבען מיר געלערענט משער זיין ווייטקייט און אביסעל גימנאסטיקע. פאלגענדע גימנאסטיקע לערענט מען אין לאגער.

שפרינגען איבער גרובענס ביי 2 ארשין ברייט.

שפרינגען איבער אַ וואַל (אנגעשאטענע ערד) $1\frac{1}{2}$ אַרשין הויך און $\frac{3}{4}$ אַרשין ברייט.

ארויף לויפען אויף אַ קאַסע בארג ביי $4\frac{1}{2}$ ארשין הויך און פון דער צווייטער זייט, וואס איז אפגעשניטען ווי אַ וואנד, אראפשפרינגען.

איבערלויפען אַ טיעפען ברייטען גרובען איבער אַ באלקען $\frac{1}{4}$ ארשין די ברייט.

איבער קלעטערען אַ וואנד 3 ארשין הויך אויף פאלגענדען אופן: מען לויפט צו צו דער וואנד, מען גיט אַ שפרונג און מען כאפט אן די שפיץ וואנד מיטביידע הענד און מען ציהט ארויף דעם קערפער ביז דעם בויך און נאכהער ווארפט מען אריבער די פיס איבער דער וואנד איינע נאך דער אנדערער און מען שפרינגט אראפ פון דער צווייטער זייט.

איך האב ניט געטאן אלעס ווי עס פאדערט זיך, אבער מען האט קיין איבעריגע טענות ניט געמאכט.

פאר נאכט איז געמאכט געווארען אַ נארישע, אינהאלט-לאזע צערעמאניע וואס מען רופט „פרעטענזיעס אויספרעגען". דער בריגאדני קאמאנדיר גענעראל-מאיאר ק. איז געקומען און האט געפרעגט צו האט ניט ווער עס איז אַ פרעטענזיע, אַ טענה, אַ קלאגע אויף די עלטערע און צו האט יעדער איינער בעקומען אלעס וואס עס קומט איהם נאך דעם געזעץ. איך האב דאס אנגערופען „אַ נארישע צערעמאניע" ווייל דער סאל-דאט ווייסט, אז ווען ער זאל וואגען אויף עמיצען זיך קלאגען וועט ער זיך אומגליקליך מאכען. ער וועט זיך אזוי באגראבען אז ער וועט שוין קיין תחית-המתים ניט אויפשטעהן.

אַ גאנצע שטונדע האבען מיר זיך געגרייט צו עמפפאנגען דעם גענעראל. מיר האבען גערייניגט, געפוצט און געריבען יעדע זאך איינינגע מאל. קליידער האט מען אונז ארויסגעגיבען פון צייכהאַאוז. אום 5 אוהר זיינען מיר ארויסגעגאנגען אין פעלד פאר דעם לאגער און מיר האבען זיך אויסגעשטרויעט באטאליאנעס ווייז און דער קאמאנדיר פאלקא איז געקומען און האט באפוילען אז ווער עס האט אַ קלאגע זאל ארויסגעהן פון דער רייהע. עס פערשטעהט זיך אז קיינער איז ניט ארויס-געגאנגען. אין אַ 15 מינוט ארום איז געקומען דער גענעראל און האט אונז באגריסט און מיר האבען איהם געענטפערט. נאכהער איז ער צוגעקומען צו יעדען באטאליאן און האט גע-פרעגט צו מיר האבען ניט קיין פרעטענזיעס און צו יעדערער האט בעקומען אלעס וואס עס קומט איהם און אז מיר האבען געענטפערט אז מיר האבען ניט קיין פרעטענזיעס און אז מיר האבען אלעס בעקומען האט ער אונז געדאנקט פאר דער דינסט און די צערעמאניע האט זיך געענדיגט.

דער גענעראל ק. איז אַ שטיקעל משוגע'נער. גאנץ אפט

מאכט ער משוגענע שטיק. ווען ער איז צוגעקומען צו אונזער באטאליאן און האט געפרעגט צו מיר האבען אלעס באקומען וואס עס קומט אונז האבען מיר געענטפערט דעם געוואוינליכען ענטפער: „אזוי, פונקטליך אייער אויסגעצייכענטקייט!" און דעם ענטפער האט מען געקאנט הערען אַ ווערסט ארום, ווייל אזוי פאדערט מען פון אונז און אזוי טוען מיר אימער ווען מיר ענטפערען אויף אַ בעגריסונג אדער אויף אַ פראגע פון אַ נאַטשאלניק: מיר שרייען אויס די ווערטער אויף אַ גאנץ הויכער שטימע, אבער דער גענעראל האט פארבראכען די הענד און האט אויסגערופען: „אוי ווערה ברידערלאך! איך הער ניט וואס איהר זאגט". האבען מיר איבערגע'חזר'ט אונזער ענטפער נאך העכער און ער טענה'ט אַלץ אז ער הערט ניט און מיר האבען געמוזט איינינע מאל, אלץ העכער און העכער אויסשרייען אונזער ענטפער.

כ. תמוז

נעכטען פון 8 ביז 11 פריה איז געווען די פינפטע קורס-שיסונג. מיר האבען געשאסען 3 מאל קניענדיג און 2 מאל ליגענדיג אויף אַ שטרעקע פון 400 שפאן אין האלבע מישענעס. איך האב געטראפען 3 מאל.

יעצט טראגען מיר ביי דער לעהרע גימנאסטישע העמדער, ניט די מונדירען.

מארגען וועט זיך אנפאנגען די באטאליאני לעהרע פאר וועלכע איך שרעק זיך אַ ביסעל. מיינע פים ווערען צוביסלאך שטארקער אבער געזונד זיינען זיי נאך ניט און פיעלע „סטרוי" זאכען קאן איך ניט, ווייל ביז יעצט האב איך זעהר ווייניג אנטהייל גענומען אין דער „סטרוי" לעהרע און אונזער באטאליאני קאמאנדיר מר. ס. איז א שרעקליכער כעסן און ווען ער באמערקט אַ פעהלער פון אַ מענשען וואלט ער איהם אוועקגע'הרג'ט פאר כעס און אונז אידען האט ער פיינד תכלית שנאה.

הכלל! איך האב יעצט אַ געלעגענהייט כאפּען גוטע עטליכע קלעפּ.

כ״ב תמוז

נעכטען איז געווען די ערשטע באטאליאני לעהרע. איך בין ניט געגאנגען לערנען ווייל דער וו׳זוואדני האט מורא געהאט טאמער וועל איך אפּשטעהן האט ער געזאגט דעם פעלדפעבעל און ער האט מיך אוועק געשיקט אויף איין ארבייט וואס האט זיך גראד געפּאדערט.

אַה! ווי ביטער עס איז מיין לאגע! איך בין עפּעס אזוי ווי איין איבריגער אין ראטע. יעדער איינער קוקט אויף מיר מיט שפּאט און דער נאמען „איד״ ווערט דורך מיר געשענדעט. מיין גאט! איך, וואס פון זינט איך בין אנגעקומען אין מיליטער האב איך דערהויפּט אין זינען צו צייגען אז דער איד איז אזא גוטער סאלדאט ווי דער קריסט מוז הערען ווי דער אידישער נאמען ווערט געשענדעט דורך מיר. יעדער עקעלהאפטער גראביאן, יעדער שוויין מאכט זיך לוסטיג און לאכט אָפּ ניט בלויז פון מיר פערזענליך נאר פון אידען אין אלגעמיין. און ווען איך הער ווי דער אידישער נאמען ווערט בעשמוצט דורך מיר ווערט מיר נמאס מיין לעבען. מיין אונמעכטיגער כעס ברענט אין מיר ווי פייער. ווען איך זאל קענען וואלט איך זיך צוריסען אויף שטיקער מיט דעם אפּלאכער צוזאמען.

כ״ה תמוז

היינט איז געווען די זעקסטע קורס-שיסונג. מיר האבען געשאסען 2 מאל קניענדיג און 3 מאל ליגענדיג אויף אַ שטרעקע פון 800 שפּאן אין 4 פיגורני מישענעס אזוי ווי עס וואלטען זיך געזעהען 4 מענשען שטעהען צוזאמען. דער וועטער איז גע-ווען גוט אבער די שטארקע זון-שיין האט קאליע געמאכט. עס איז זעהער שווער אנשטעלען די ביקס ריכטיג ווען די זון שיינט שטארק. די זון שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם שטאָל פון

דער ביקס און עס בילדעט זיך אַ קרייז פון פיעלע קאלירען און מען קאָן זיך ניט ריכטיג ציעלען.

איך האב געטראָפען 3 קוילען.

אין אלגעמיין זעה איך אז איך בין ניט קיין שלעכטער שיסער און ווען איך זאל געווען ביי די ערשטע שיסונגען קאנען אזוי שטעהן אויף די קניען ווי יעצט (און יעצט שטעה איך נאך אויך ניט גענוג פעסט אויף זיי) וואלט איך שוין געווען אַ צ־ווייטע קלאסע שיסער. אמת טאקע פאר מיר פערזענליך איז ניט קיין גרויסער אונטערשיעד, ווייל סוף כל סוף וועט מען דאך מיר גיבען עפּעס איין ארבייט אדער אַמט ניט אין „סטרוי" אזוי ווי אין פאלק-בעפעהל איז געזאגט געווארען וועגען מיר מיט אַ שטיקל צייט צוריק, אבער איך וויל אז נאך אַ איד זאל זיין אַ צווייטע קלאסע שיסער און איך זאל ניט גיבען קיין גע-לעגענהייט די ווילדע גראביאנעס אפלאכען פון דעם אידענס שיסען, אבער יעצט זיינען פארבליבען בלויז 2 קורס-שיסונגען ביי וועלכע מען וועט שיסען אויף וויטע שטרעקעס, בין איך שוין אין ספק צו איך וועל נאך טרעפען די נויטיגע צאהל קוילען.

כ"ז תמוז

נעכטען איז געווען אַ מלחמה-ראטע לעהרע, ד. ה. אין ראטע איז געווען ביי דער לעהרע אזוי פיעל מענשען וויפיעל עס זיינען דא אין קריעגס צייט: 128 מענשען. פון דעם גאנצען באטאליאָן איז צוזאמענגעשטעלט געווארען 1 ראטע און דער קאמאנדיר פון דער ערשטער ראטע האט קאמאנדירט. מיר האבען געלערענט אי „סטרוי" לעהרע אי „טאקטישע" לעהרע.

היינט אין דער פריה איז געווען אַ באטאליאני „סטרוי" לעהרע. איך האב געפיהלט אַ גרויס שוואכקייט אין די פיס און איך האב מורא געהאט טאמער וועל איך ניט געהן ריכטיג וועט דער באטאליאני קאמאנדיר מיר צוברעכען די ביינער מיט

דעם ווזוואדני קאמאנדיר צוזאמען האב איך דאס געזאגט דעם ווזוואדני האט ער מיר געהייסען געהן אין אקאלאדאק האב איך געזאגט דעם דיעזשורני ער זאל מיך פארשרייבען אין בוך האט דער פעלדפעבעל דאס דערזעהן און האט געהייסען מיך אוועק־שטעלען אויף דעם פלאץ פון דעם דניוואלני און איך זאל אין אקאלאדאק ניט געהן. ווי נאר איך האב זיך אוועקגעשטעלט איז ארויסגעגאנגען דער פעלדפעבעל און האט מיך ווידער אַ מאל געזידעלט אז איך בין אַ „זשיד" אַ פויליאק א. ז. ו. דער דניוואלני איז אויך געווען בייז פאר וואס ער דארף געהן אויף דער לעהרע. הכלל, איך האב שוין חרטה געהאט פאר וואס איך בין ניט געגאנגען אויף דער לעהרע. פון יעצט אָן וועל איך געהן אויף יעדער לעהרע, ווי די פיס זאלען מיר ניט שוואך זיין. דאס לעבען איז שוין מיר נמאס איבער דיעזער ערגערניש.

כ"ח תמוז

היינט אין דער פריה האב איך צום ערשטען מאל אנטהייל גענומען אין באטאליאני לעהרע אונטער דער קאמאנדא פון דעם באטאליאני מר. ס. און מר. ס. ווען ער קאמאנדירט דאס מיליטער איז ער די שרעקליכקייט זעלבסט. אלע זיינע געדאנ־קען און געפיהלען זיינען פערשלונגען פון דער קאמאנדא און קיין אנדער זאך עקזעסטירט דאמאלס פאר איהם ניט. זיינע אויגען, ווי די אויגען פון איין אדלער זעהען פון גאנץ ווייט און קיין מינדעסטער פעהלער פון עמיצען פון זיינע לייטע געהט ניט פארביי אונבעמערקט פון איהם. און ווען ער בעמערקט אַ פעהלער אין אַ מענשען גיט ער אַ יאָג זיין ווילדען פערד און אין איין אויגענבליק איז ער לעבען יענעם מענשען און ער ווארפט זיך אויף איהם ארויף ווי אַ צורייצטער טיגער און ווען ער זאל קיין מורא ניט האבען פאר די עלטערע וואלט ער איהם דערשלאגען אויף טויט. אַ קול האט ער ווי אַ לייב און עס געהט ניט פאראיבער אַ מינוט ער זאל ניט שרייען, קריצען מיט

די ציין און זיך זידלען ווי דער ניעדעריגסטער פּאַסקודניאַק. אונז אידען האָט ער ווי דעם טויט און ווען ער בעמערקט אַ פעהלער אין אַ אידען פערליערט ער איינפאַך זיין פערשטאַנד, ער שילט און זידעלט דעם גאַנצען כלל ישראל אַזוי ווי אַלע וואַלטען געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר יעדען איינציגען.

כ"ט תמוז

נעכטען פון 8 אָוועם ביז 2:30 ביינאַכט איז געווען אַ נאַכט לעהרע. צוערשט האָבען מיר געלערענט די בעוואַכונגס אַרבייט: ווי אַזוי צו בעוואַכען דאָס מיליטער וואָס שלאָפט פון אַ פלוצלינגדיגען אָנפאַל פון דעם שונא, אַזוי אויך פון שפּיאָנען זיי זאָלען זיך ניט אונטער'גנב'ענען צו דעם שלאָפענ-דען מיליטער און אויסגעפינען זיין צאָהל און זיין לאַגע.

אונזערע הויפּט קרעפטען (וואָס האָבען זיך געפונען בלויז אין דער פאַנטאַזיע) האָבען זיך אָפּגעשטעלט נעכטיגען ביי אַ 3 ווערסט פון דעם לאַגער און מיר, דער ערשטער באַטאַליאָן זיינען געווען דער בעוואַכונגס-אָטריאַד (מחנה, אַבטהיילונג). מיר האָבען געדאַרפט בעוואַכען דאָס שלאָפענדע מיליטער פון איין איבערפאַל פון דעם שונא און פון זיינע שפּיאָנען. דאָס ווערט געטאָן אויף פאָלגענדען אופן: אַרום דעם שלאָפענדען מיליטער, ביי אַ ווערסט ווייט, שטעלט מען אויס אַ קייט פון פּאָסטענס. פון איין פּאָסטען ביז דעם צווייטען — פון 100 ביז 300 שפּאַן. (עס ווענדעט זיך אין דער געגענד און אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט ווי געדיכט די פּאָסטענס דאַרפען זיין) אויף יעדער פּאָסטען געפינען זיך 4 מענשען. פאַר יעדען פּאָסטען, ביי אַ 50 שפּאַן ווייט שטעהט אַוועכטער און הינטער איהם עטוואָס נעהענטער צו דעם פּאָסטען שטעהט אַ געהילף-וועכטער. אינוויינינג, אין דעם אַרומגעריגעלטען קרייז, נעהענ-טער צו דעם שלאָפענדען מיליטער געפינט זיך דער הויפּט פּאָסטען, פון אַ גרעסערער צאָהל מענשען, וואו דער נאַטשאַלניק פון דעם בעוואַכונגס אָטריאַד געפינט זיך.

די ארבייט פון די וועכטערס, וואס שטעהען פאר יעדען פאסטען איז אכטונג צו גיבען, אז קיין מענש פון דעם פיינד זאל זיך ניט דורכ׳גנב׳ענען דורך דער קייט פון די פאסטענס. אויב דער וועכטער זעהט אַ גרויסע מחנה פון דעם פיינד קומט אָן דארף ער באלד אויסשיסען ווען דאס שלאפענדע מיליטער זיך אויפכאפען און זיך שטעלען געגען שונא. אויב אבער בלויז 1 מענש אדער אַ קליינע גרופע קומט אָן טאר דער וועכטער ניט שיסען, אום ניט אויפצוואוועקען דאס שלאפענדע מיליטער, נאר ער דארף אויסרופען: „שטעה! ווער געהט?" איז אויב די אנקומענדע ווילען זיך איבערגעבען דארפען זיי אווארף טאן זייער געווער צו דער ערד, דאמאלס רופט דער וועכטער דורך זיין געהילף די מענשען פון זיין פאסטען און זיי פארבינדען די אויגען ביי די וואס ווילען זיך איבערגיבען און פיהרען זיי אוועק צו דעם נאטשאלניק פון דעם בעוואכונגס אטריאד.

און אַ צייכען ווערט איבערגעגעבען צו די סאלדאטען פון דעם בעוואכענדען אטריאד צו דערקענען אייגענע מענשען. דער צייכען איז אַ נאמען פון עפעס אַ מיליטערישער זאך: אַ ביקס, אַ שטיך א. ד. ג. און אויב די מענשען וואס קומען צו צו דעם פאסטען רופען אָן דעם צייכען דארף מען זיי דורכלאזען אונגעשטערט, ווייל דאס זיינען אייגענע, אויב אבער די וואס קומען צו רופען ניט אויס דעם צייכען און זיי ווארפען ניט דאס געווער רופט דער געהילף-וועכטער די מענשען פון פאסטען און אויב נויטיג רופט מען נאך צו הילף מענשען פון אנדערע פאסטענס און מען פארטרייבט זיי.

און פאטרול וועכטערס געהען אום פון איין פאסטען צום צווייטען אום קיין מענש זאל זיך ניט ווי עס איז דורכ׳גנבע׳נען דורך די פאסטענס.

אום 1 אוהר האט אַ וועכטער אויסגעשאסען. דער שונא (מענשען מיט פעהנדלאך אין די הענד) האט זיך בעוויזען מיט

אלע זיינע קרעפטען. דאן האבען מיר, דער בעוואכענדער אַטריאַד זיך פעראייניגט מיט די הויפט קרעפטען און די שלאכט האט זיך אנגעפאנגען. אייניגע מאל האבען מיר געמוזט צוריק־טרעטען, ווייל דער שונא איז געווען שטארקער פון אונז, נאר אין אַ שטונדע ארום האבען מיר אנגעטראפען אויף אונזער וועג אַ גוטען פּלאַץ, זיך צו בעפעסטיגען: אַ לאנגען אנגעשאטענעם בארג און לעבען איהם אַ גרובען. פון דעם דאזיגען פּלאַץ האבען מיר געקאנט שיסען אויף דעם שונא אונגעשטערט און דעם שונא׳ס קוילען האבען אונז גאנץ וועניג שאדען געבראכט דאן האט דער שונא געמוזט זיך צוריק ציהען און די שלאכט האט זיך געענדיגט.

דאס שיסען ביינאכט איז גאנץ איינדרוקספאל. די פונקען פייער, וואס קומען ארויס פון די ביקסען האבען זיך געזעהען אין דער פינסטער אזוי ווי פיעלע בליצען און די זאלפען האבען זיך געהערט אזוי ווי שטארקע דונערען און די לופט האט געציטערט.

נאך דער שלאכט האט זיך דער גאנצער באטאליאן אויסגע־סטרויעט און מר. ס. האט אונז אויפמערקזאם געמאכט אויף אונזערע פעהלערען וואס מיר האבען געמאכט, האט זיך געביי־זערט און געשריען ווי זיין שטייגער איז. דאך האט ער צולעצט אויסגערופען: „אַ דאנק פאר דער לעהרע!" און מיר האבען געענטפערט און האבען זיך אומגעקעהרט אין די באראקען.

מיר זיינען געשלאפען ביז 8 אוהר פריה און פון 11 ביז פארנאכט איז געווען די זיבעטע קורס־שיסונג. מיר האבען געשאסען 2 מאל קניענדיג און 3 מאל ליגענדיג אין מישענים פון 12 פיגורען אויף אַ שטרעקע פון 1200 שפאן. איך האב געטראפען 2 קוילען.

די היץ איז געווען אַ שרעקליכע און דאס שיסען האט גע־דויערט ביי 8 שטונדען, ווייל בלויז 3 מענשען האבען געקאנט

שיסען אויף אַ מאל און איך בין פון די לעצטע ווייל איך בין אין פיערטען ווזוואד בין איך פון דער היץ שטארק אפּגעשוואכט געווארען אזוי אז מיר דוכט זיך אז דאס איז געווען די אירזאכע וואס איך האב בלויז 2 קוילען געטראפען.

אלזא, ווי עס זעהט אויס וועל איך שוין ניט זיין קיין צווייטע קלאסע שיסער. מיר פעהלען נאך 2 קוילען און די לעצטע קורס-שיסונג וועט זיין אין אַ מישען וואס בעווייזט זיך אויף איינינע סעקונדען און אין אזא מישען איז שווער צו טרעפען, אַ שאד, אַ שאד! איך האב זעהר, זעהר געוואלט זיין אין דער צווייטער קלאסע.

היינט איז אונזער ראטע די „די דיעזשורני" ד. ה. מיר טראגען די אלגעמיינע אמטען פון פאלק. איך בין דניוואלני ביי דעם ביהכ"ס. איך דארף אכטונג גיבען אויף דער ריינקייט, די סאלדאטען זאלען זיך ניט פוילען אריין געהן אינוועניג...

ב. אב

היינט האט מיך דער פעלדפעבעל בעשטימט צו געהן אויף ארבייט אין דער פאקראווער קאזארמע, וואוהין מען האט געפאדערט 1 מענשען פון יעדער ראטע. נעכטען איז אונזער ראטע געגאנגען קלייבען די אויסגעשאסענע קוילען אויף דעם שיס-פלאץ און פון דעם גאנג זיינען מיר די פיס זעהר אפּגעשוואכט געווארען אזוי אז עס איז מיר נאך היינט שווער צו געהן. ווי אזוי וועל איך היינט געהן אין דער פאקראווער קאזארמע, אַ שטרעקע פון 10 ווערסט? אַה! ניט גוט צו דיענען אין מיליטער ווען מען איז ניט פאלקאם געזונד.

שוין איינינע טעג אז מיר טראגען אַ ווייסען טשעכאל (אַ ציכעל, אַ צודעק) אויף אונזערע קעפּקעס אזוי אז זיי זעהען אויס ווי ריכטיג זומעריגע קעפּקעס.

ד. אב

נעכטען האבען מיר זיך אומגעקעהרט פון דער פאקראווער קאזארמע. מיר האבען דארטען געארבייט בלויז אַ האלבען טאג. מיר האבען איבערגעלייגט קליידער אין פאלק-צייכהאַאוז.

היינט איז אַ קריסטאַליכער יום טוב און מיר זיינען פריי פון לערנען. איך בענוץ זיך מיט דער געלעגענהייט צו בע־שרייבען אביסעל די „סטרוי" לעהרע וואס איך קלייב זיך שוין לאנג צו טאן.

אז א צאהל סאלדאטען שטעהען אדער געהען אין אַ רייהע ווערט דאס גערופען „סטרוי". אויף דעם וואס שטעהט אין רייהע זאגט מען ער שטעהט אין „סטרוי". דאס אויסשטעלען זיך אין רייהען ווערט גערופען „כטרויען זיך". דאס וואס די מענשען טוען ווען זיי זיינען אין די רייהען ווערט גערופען „סטרוי לעהרע". די סטרוי טהאטען זיינען פיעל און ווערען ניט געטאן „גלאט אזוי זיך", נאר יעדער טהאט ווערט געטאן מיט אַ געוויסען צוועק, צו האלטען ארדנונג אין די רייהען, די מענשען זאלען זיך ניט פארפלאנטערען, צו שלאגען בעסער דעם שונא אדער צו פארקלענערען דעם קלאפ פון דעם שונא ביי זיך.

איידער איך וועל ריידען וועגען די סטרוי טהאטען מוז איך בעמערקען פאלגענדעס: „רייהע" ווערט גערופען אַ שורה מענשען אין דער ליינג, „ראַד" ווערט גערופען אַ שורה מענשען אין דער ברייט. צ. ב. ש. אז 10 מענשען סטרויען זיך אויס אין צוויי שורות, איינע הינטער דער צווייטער ווערען די פינף, פינף מענשען גערופען „רייהען" און די צוויי. צוויי מענשען וואס שטעהן איינער הינטער דעם צווייטען ווערען גערופען „ראַדען".

אז עס סטרויען זיך אויס 5 מענשען צ. ב. ש. איינער הינטער דעם צווייטען מיט דעם פנים צו מזרח זייט און זיי געהען אזוי אין דיזער ריכטונג הייסט דאס „זיי געהען אין דער ברייט", אבער אז זיי סטרויען זיך אויס איינער לעבען דעם אנדערען מיט דעם פנים צו מזרח זייט און געהען אזוי, הייסט דאס „זיי געהען אין דער ליינג".

אז עס שטעהען 5 מענשען איינער לעבען דעם אנדערען מיט דעם פּנים צו מזרח און זיי קירעווען זיך אוים רעכטס ד. ה. יעדער מענש דרעהט זיך אוים צו דרום זייט אויף זיין פּלאץ, אזוי אז זיי שטעהען שוין איינער הינטער דעם צווייטען מיט דעם פּנים צו דרום זייט הייסט דאס „אַ קעהר רעכטס" און אזוי איז אויך „אַ קעהר לינקס", אבער אויב די גאנצע רייהע פארקירעוועט זיך צו דרום אויף פאלגענדען אופן: דער וואס שטעהט אויף דעם רעכטען עק פון דער רייהע דרעהט זיך אוים צו דרום, דער צווייטער גיט איין טראָט קאָסע (קווער) און שטעלט זיך לעבען דעם ערשטען, ניט הינטער איהם, דער דריטער גיט צוויי טרעט קאסע און שטעלט זיך לעבען צווייטען א. ז. וו. ביז די גאנצע רייהע דרעהט זיך אוים מיט דער לייננ צו דרום, ווערט דאס גערופען: „זיך קערעווען מיט דעם פליגעל". אזוי אויך ווען די 5 מענשען געהען אין דער ברייט ד. ה. איינער הינטער דעם צווייטען מיט דעם פּנים צו דרום און זיי דרעהען זיך אוים אלע צוזאמען צו מזרח ד. ה. ניט יעדערער בעזונדער אויף זיין ארט, נאר אזוי צוביסלאך דרעהט זיך אוים דער ערש-טער צו מזרח און די איבריגע פארגעהען ביסלעכוויז הינטער איהם און געהען צו מזרח ווייעדער מיט דער ברייט, הייסט דאס אויך „זיך קירעווען מיט דעם פליגעל".

די הויפּט סטרוי טהאטען זיינען פאלגענדע.

1) זיך אויססטרויען (אויסשטעלען) אין רייהען.

צוערשט סטרויעט זיך אוים די ראטע אין 2 רייהען אין דער לייננ. די צאהל מענשען אין ראטע ביי דעם לערנען דארף זיין 48 אדער 56. די ראטע איז אין סטרוי איינגעטהיילט אין 4 ווזוואדען, יעדער ווזוואד — אין 2 אטדעלעניעס. די ווזוואדני קאמאנדירען שטעהען יעדערער ביי זיין ווזוואד אין דער רעכטער זייט, אדער ווי מען זאגט דא: „אויף דעם רעכטען פליגעל". די אטדעליאני-נאטשאלניקעס שטעהען אויך אזוי

ביי זייערע אַטדעלעניעס. די קלענערע אָפיצערען שטעהען, יעדערער ביי זיין האַלבער ראָטע און דער ראָטני קאָמאַנדיר שטעהט אויף דעם רעכטען פליגעל פון דער ראָטע. די רייהען דאַרפען זיין גלייך.

אין מלחמה צייטען ווערט די צאָהל מענשען אין ראָטע פאַרגרעסערט ביז 128 און זאָגאַר מעהר.

2) דאָפּלען די ראַדען.

מעהרסטענס מאַרשירט די ראָטע אין 4 רייהען און אום צו מאַכען פון די צוויי רייהען פיער פאַרדאָפּעלט מען די ראַדען. דאָס ווערט געטאָן אויף פאָלגענדען אופן: דער ערשטער וואָס שטעהט אויף דעם רעכטען פליגעל רופט אויס: „ערשטער!" און דער צווייטער רופט אויס: „צווייטער!", דער דריטער רופט אויס ווידער: „ערשטער!" און דער פיערטער—ווידער „צווייטער!" א. א. וו. די מענשען פון דער צווייטער רייהע ווערען פאַררעכענט אַלס די זעלבע נומערען וואָס די מענשען וואָס שטעהען אין דער ערשטער רייהע. נאָך דער קאָמאַנדאָ (בעפעהל) פון דעם ראָטני קאָמאַנדיר „RYADY VSDVOY" (די ראַדען פאַרדאָפּעלט) טרעטען די „צווייטע" מיט דער לינ-קער פוס איין טראָט צוריק, נאָכהער מיט דער רעכטער פוס איין טראָט רעכטס און שטעלען זיך הינטער די „ערשטע" און פון 2 רייהען ווערט פיער—. נאָך דעם בעפעהל: „RYADY STROYSA" (ראַדען, שטעלט זיך אויס) טרעטען די „צווייטע" מיט דער לינקער פוס איין טראָט לינקס, נאָכהער מיט דער רעכטער פוס איין טראָט פאָראויס און שטעלען זיך אויף די פריגע ערטער לעבען די „ערשטע" און פון פיער רייהען ווערט ווידער צוויי.

3) קעהרונגען רעכטס און לינקס.

אז די ראָטע געהט צ. ב. ש. אין דער ברייט צו מזרח זייט און פלוצלינג האָט זיך דער שונא באַוויזען פון דרום זייט און

מען דארף אויסקירעווען די ראטע צו איהם, קאמאנדירט דער ראטני: „NAPRA...VO״ (אויף רעכטס) און נאך דיעזען בע־פעהל קירעוועט זיך יעדער מענש אוים אויף זיין פלאץ צו דרום און די ראטע געהט דאמאלס אין דער לייגג געגען דעם שונא. אז די סכנה געהט פאראיבער און מען דארף ווידער געהן ווי פריהער בעפעהלט דער ראטני: „NA LEY...VO!״ (אויף לינקס) און אלע מענשען קירעווען זיך אוים לינקס צו מזרח און די ראטע געהט ווידער אין דער ברייט אזוי ווי פריהער. עס זיינען נאך דא האלבע קעהרונגען: אז איינער שטעהט מיט דעם פנים צו מזרח און ער מאכט אַ האלבע קעהרונג רעכטס וועט ער שטעהן אין דער קאָסע (קווער) מיט דעם פנים צום ווינקעל פון מזרח־דרום.

4) געהן, מארשירען.

אויך ווען מען געהט דארפען די רייהען זיין גלייך. די פיס דארפען אויפגעהויבען ווערען און אראפגעלאזט ווערען גלייך, איינצייטיג, אזוי ווי 1 מענש. מען הויבט אָן געהן נאך דער קאמאנדא „SHAGOM ....MARSH״ (מיט אַ שפאן, געה).

5) לויפען.

ביי דעם לויפען מוז מען היטען דאס זעלבע פונקטליכקייט ווי ביי דעם געהן: די רייהען דארפען זיין גלייך א. א. וו. מען פאנגט אן לויפען נאך דעם בעפעהל „BEGOM.....MARSH!״ (מיט אַ געלויף, געה).

6) זיך אויסקירעווען צוריק.

ווען מען דארף זיך אויסקירעווען צוריק, צו דער געגענזייט בעפעהלט דער ראטני „KROOGOM...MARCH!״ (צוריק, געה) און אלע מענשען גיבען זיך אַ קירעווע צוריק איינצייטיג, אלע מיט אַ מאָל.

7) זיך צושפרייטען און זיך צוזאמענגעמען.

אז די ראטע געהט צ. ב. ש. אין דער לייגג צו מזרח און

דער שונא פאנגט אָן שיסען אנטקעגען מוזען די מענשען זיך צושפרייטען, אפטרעטען איינער פון דעם צווייטען, אום עס זאלען זיי טרעפען וועניגער קוילען. דאס ווערט געטאן נאך דער קאמאנדא: „NA SHAG RAZOM..... KNIS !‟ (אויף אַ שפאַן (אדער אויף 2 שפאַן, נאך די אומשטענדען נאך) צושפרייט זיך) נאך דיעזער קאמאנדא שטעלט זיך אָפּ דער ערשטער, וואס געהט אויף דעם רעכטען פליגעל און די איבריגע גיבען זיך אַ קעהר לינקס און דאן טרעט אפּ דער צווייטער 1 שפאַן און גיט זיך אַ קעהר רעכטס און שטעלט זיך לעבען ערשטען, דער דריטער טרעט אָפּ אַ 2 שפאן און שטעלט זיך לעבען צווייטען א. ז. וו. און אין אַ פאר מינוטען שטעהט שוין די ראטע וויע-דער מיט דער ליינג צו מזרח, אבער די מענשען זיינען שוין ניט ענג איינער לעבען צווייטען און דעם שונא׳ס קוילען זיינען שוין ניט אזוי שעדליך פאר זיי. ווען די סכנה געהט פאראיבער און מען דארף וויעדער געהן אויף דעם פאריגען אופן, בעפעהלט דער ראטני „SOM...KNIS‟ ! (נעמט זיך צונויף) און די מענשען גיבען זיך אַ קעהר רעכטס, טרעטען צו איינער צום צווייטען און שטעלען זיך אוועק אזוי ווי פריהער.

8) זיך סטרויען רעכטס און לינקס.

ווען די ראטע געהט אין דער ברייט און דער שונא בעוויזט זיך אנטקעגען און מען דארף אויסטרויען די ראטע מיט דער ליינג צו איהם, כדי אלע מענשען זאלען קאנען שיסען, בע-פעהלט דער ראטני: „ROTA STROYSA VLYEVO......MARSH!‟ (ראטע, סטרויע זיך לינקס) נאך דיעזען בעפעהל בלייבט שטעהן דער וואס געהט אין דעם ערשטען ראַד פון דער ראטע אויף דער לינקער זייט אויף זיין פלאץ און די איבריגע גיבען זיך עטוואס אַ קעהר לינקס און דער וואס איז געגאנגען הינטער דעם ערשטען גיט איין טראַט און שטעלט זיך ביי זיין לינקער האנד, דער צווייטער גיט צוויי טרעט און שטעלט זיך לעבען

פאריגען א. ז. וו. די וואס זיינען געגאנגען צו דער רעכטער זייט שטעלען זיך אוועק יעדערער הינטער דעם יעניגען, לעבען וועל-כען ער איז געגאנגען, און אין אַ מינוט צייט סטרויעט זיך די ראטע אויס מיט דער לייננ געגען דעם שונא. אויב מען דארף דאס מאכען שנעל, טוט מען דאס זעלבע לויפענדיג.

9) זיך קירעווען מיט דעם רעכטען אדער מיט דעם לינקען פליגעל.

ווען די ראטע געהט אין דער לייננ און דער שונא בעווייזט זיך פון דער לינקער זייט און מען דארף אויסקירעווען די ראטע צו איהם, בעפעהלט דער ראטני: -PRAVOYE PLETSHO VPE RYOD..... MARSH!„ (דער רעכטער פליגעל פאראוים). נאך דיעזען בעפעהל שטעלט זיך אף דער לינקער פליגעל און קירע-וועט זיך צוביסלאך לינקס און דער רעכטער פליגעל געהט און קירעוועט זיך לינקס, ביז ער מאכט אַ פיערטעל קרייז און די גאנצע ראטע שטעלט זיך אויס אויף 1 ליניע געגען דעם שונא.

10) איבער סטרויען אַ ראטע וואס געהט אין דער לייננ אין ווזוואדען וואס געהען אין דער ברייט.

ווען די ראטע געהט אין דער לייננ און דער שונא הויבט אָן שיסען פון הארמאטען פון גאנץ ווייט, אזוי' אז שיסען אויף איהם קאן מען ניט און מען דארף נאר זעהן אז דעם שונא'ס קוילען זאלען שאדען וואס ווייניגער, בעפעהלט דער ראטני: VZVODY PRAVOYE PLETSHO VPEROD MARSH! (ווזוואדען, דער רעכטער פליגעל פאראוים) נאך דיעזען בע-פעהל פארגעהט יעדער ווזוואד אויף זיין פלאץ מיט דעם רעכ-טען פליגעל, נאכהער גיט מען זיך אַ קעהר רעכטס און די ראטע געהט וויעדער איהר גאנג אבער בלויז מיט דער ברייט פון די ווזוואדען, און פון איין ווזוואד צום צווייטען איז עטליכע שפאן אזוי אז פיעל קוילען פליהען דורך די ליידיגע פלעצער, די אינ-טערוואלען וואס פון איין ווזוואד צום צווייטען און שאדען ניט.

עס זיינען נאך דא פיעל סטרוי טהאטען און יעדער טהאט קאן געטאן ווערען אויף פערשיעדענע אופנים אבער איך רעכען פאר איבריג מעהר וועגען דיעזען ענין צו ריידען, ווייל פון דעם וואס איך האב שוין געזאגט קאן מען בעקומען אַ בעגריעף וועגען דעם „סטרוי", וואס איז אַ וויכטיגע טהייל פון דער מיליטערי-שער לעהרע.

די באטאליאני סטרוי טהאטען זיינען אין גרונד די זעלבע, וואס די ראטני — נאר גרעסער און ברייטער.

די הויפט שוועריגקייט פון דעם „סטרוי" איז דער אויסערער גלאנץ און דאס פינקטליכקייט וואס ווערען געפאדערט: די רייהען דארפען זיין גלייך ווי אַ סטרונע, די פיס מוזען געשטעלט ווערען אין איין מאמענט, עס זאל געהערט ווערען איין קלאפּ.

א. ז. וו. א. ז. וו.

ה. אב

היינט פון 7 ביז 9 פריה האבען מיר געלערענט משער זיין ווייטקייט. צו דיעזער לעהרע, וואס איז, נאך מיין מיינונג זעהר וויכטיג, ווייל אין צייט פון מלחמה מוז מען וויסען די ווייטקייט צו דעם פיינד, ווען ניט וועלען די קוילען ניט טרע-פען. צו דיעזער לעהרע בעציהט מען זיך ניט גענוג ערנסט. מען ווייזט אָן די סאלדאטען איינציגע פונקטען און מען פרעגט יעדען איינעם ווי ווייט, דיינקט ער איז צו דיעזע פונקטען און יעדערער זאגט וואס ער דיינקט און דער ראטני פארצייכענט די השערה פון יעדען מענשען, אבער מען זאגט ניט קיינעם צו זיין השערה איז ריכטיג צו ניט און יעדערער קאן זיך אימער טועה זיין און אליין ניט וויסען וועגען דעם.

ו. אב

נעכטען פון 3 ביז 8 פארנאכט איז געוועזען די לעצטע קורס-שיסונג אין אַ מישען וואס בעווייזט זיך בלויז אויף איינציגע סע-קונדען און ווערט פערשווינדען, אזוי ווי דער שונא וואלט אויף

אַ ווײַלע אַרויסגעקראָכען פון אַ טראַנשעע און וואָלט זיך באַלד ווידער בעהאַלטען. איך האָב געטראָפען 2 קוילען און, דאַנקען גאָט, איך בין יעצט אַ צווייטע קלאַסע שיסער.

היינט פון 7 ביז 9 פריה איז געווען אַ באַטאַליאָני טאַקטי-שע לעהרע. די ערשטע צוויי ראָטעס האָבען זיך אוועקגע-שטעלט אויף אַ גוטער פּאָזיציע: אויף 2 בערג לעבען אַ בריק איבער דעם טייך חאַדינקאַ (אויף דעם נאָמען פון דיעזען טייך ווערט גערופען דאָס פעלד אַרום: „חאַדינקאַ פעלד"). דיעזע פּאָזיציע איז זעהר אַ גוטע. די בערג שטעהען נאָהענט צו דעם בריק און פון זיי קאָן מען שיסען אויף די יעניגע וואָס ווילען איבערגעהן דעם בריק, און די בערג זיינען נאָך זעהר קאַסע, אַזוי אַז אַרויף קריכען אויף זיי איז גאַנץ שווער. מיר, די לעצטע 2 ראָטעס זיינען געשיקט געוואָרען פון דער הויפּט אַר-מעע [וואָס האָבען זיך געפונען אין דער פאַנטאַזיע] איין-צו-נעמען דיעזען בריק אום זי זאָל ניט אָפּגעהאַלטען ווערען אין איהר צוג. מיר האָבען אָנגעפאַנגען די שלאַכט אַזוי ווי אימער: מיר זיינען געגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט און געשאָסען ביז מיר זיינען געקומען נאָהענט צום בריק, דאַן האָבען מיר זיך אַ יאָג געטאָן צו איהם מיט אַ געשריי „אוראַ" אַזוי ווי אימער. דעם שונא'ס אָבטהיילונג, וואָס האָט בעוואַכט דעם בריק איז אַנט-לאָפען אויף די בערג און מיר האָבען גענומען לויפען צווישען די 2 בערג אום צו געפינען אַ פּאַסיגען פּלאַץ אויף זיי אַרויף צו קריכען. דערווײַלע אָבער האָט דער באַטאַליאָני בעפוילען די סיגנאַליסטען צו גיבען אַ סיגנאַל אַז די שלאַכט האָט זיך געענ-דיגט און אַלע 4 ראָטעס האָבען זיך אויסגעסטרויעט און דער באַטאַליאָני האָט גענומען אויפמערקזאַם מאַכען אויף די פעה-לערען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען: מיר זיינען אין איילעניש אַריין צווישען די צוויי בערג און דאָס איז זעהר ניט קיין פּראַק-טישער שריט, ווייל שיסענדיג אַראָפּ פון די 2 בערג וואָלט דער

פיינד געקאנט מאכען פון אונז אַ תל איידער מיר וואלטען צייט געהאט דורכלויפען דורך זיי. מיר האבען געדארפט באלד אקירווע טאן אין דער זייט און ארויף קריכען אויף איין בארג. אמת טאקע, קריכענדיג אויף דעם בארג וואלטען מיר פערלוי-רען פיעל מענשען, אבער געוויס ניט אזוי פיעל וויפיעל מיר וואלטען פערלוירען געפינענדיג זיך צווישען 2 פייערען וואס קומען אראפּ פון די 2 בערג. ווען מיר וואלטען ארויף געקרא-כען אויף 1 בארג און וואלטען אנגעפאנגען א שטיק-געשלעג מיט דעם אטריאד וואס שטעהט אויף איהם וואלטען מיר גע-וויס געהאט די איבערהאנד, ווייל דער צווייטער אטריאד וואס געפינט זיך אויף דעם צווייטען בארג וואָלט אזוי שנעל ניט גע-קאנט קומען דעם ערשטען צו הילף וואלטען מיר שוין פערטיג געוואָרען מיט דעם ערשטען אטריאד און מיר וואלטען זיך געקאנט שטעלען געגען דעם צווייטען. און די ראטעס וואס זיינען געשטאנען אויף די בערג האבען געהאנדעלט נאך מעהר ניט פראקטיש: זיי האבען געדארפט שיסען די גאנצע צייט וואס מיר זיינען געלאפען פון דעם בריק און צווישען די בערג ווייל שיסענדיג אראפּ פון די 2 בערג וואלטען זיי געקאנט מא-כען א גרויסען חורבן אין אונזערע רייהען און זיי האבען אויפ-געהערט שיסען באלד נאך דעם ווי מיר האבען זיך א ווארף געטאן אויף דעם בריק מיט א געשריי "אורא" און זיי האבען אנגענומען די ביקסען מיט די שטיכען פאראויס אזוי ווי מען טוהט אימער ווען דער שונא איז שוין גאר נאהענט און ער גרייט זיך מאכען אן אטאקע מיט די שטיכען. און ווידער— צו וואס האבען זיי אנגעשטעלט די שטיכען פאראויס ווען מיר האבען גאר ניט געמאכט קיין פערזוך אנפאלען אויף זיי, נאר מיר האבען געוואלט דורך לויפען צווישען די בערג? זיי האבען איינפאך געהאנדעלט נאך דעם אנגענומענעם כלל און ניט נאך דעם פראקטישען פערשטאנד.

אויסער דיעזע גרונד פעהלערען האט ער נאך אנגעציינגט אויף איינינע ניט וויכטיגע פעהלערען און האט זיך געבייזערט ווי זיין שטייגער איז. דאך האט ער צום סוף אונז געדאנקט פאר דער לעהרע און מיר האבען זיך אומגעקעהרט אין די באראקען.

ז. אב

נעכטען פון 8 ביז 2 ביינאכט איז געווען אַ נאכט לעהרע. צוערשט בעוואכונגס דיענסט, אזוי ווי עס איז פריהער בעשריבען געווארען און נאכהער אַ שטיקעל שלאכט.

היינט פון 5 ביז 7 פארנאכט איז געווען אַ באטאליאני „סטרוי" לעהרע.

ט. אב

נעכטען פריה האבען מיר געהאט אַ מלחמה-ראטע לעהרע ד. ה. די צאָל מענשען אין ראטע איז געווען אזוי ווי אין מלחמה צייטען. די ראטע איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון דעם גאנצען באטאליאן.

נאך דער לעהרע בין איך בעשטימט געווארען צו זיין דני-וואלני אין ראטע.

מיינע פיס ווערען ביסלעכווייז שטארקער, אבער אין גאנ-צען געזונד זיינען זיי נאך ניט און עס טרעפט אז פון דעם לערנען ווערען זיי שטארק אפגעשוואכט און עס איז מיר שווער ארום צו געהן. אויך ביי דעם לערנען איז מיר זעהר שווער געהן גלייך מיט די איבריגע און אז עס קומט צו לויפען בין איך גאר אומגליקליך און פון דער אונגעהויערער אנשטרענגונג וואס איך שטרענג זיך אָן צו געהן און צו לויפען גלייך מיט אלעמען ווער איך געפעהרליך אויסגעמאטערט און די כחות לאזען זיך אויס. מיינע נאהענטע בעקאנטע ראטען מיר איך זאל געהן אין אקא-לאדאק, אבער דאס איז מיר ערגער פון אלעס. איך וועל בעסער פאלען אין דער רייהע איידער געהן אין אקאלאדאק און איבער-

טראגען די זידלערייען פון דעם פעלדפעבעל און דאס אפלאכונג פון מיינע „קאמעראדען״.

י. אב

היינט איז ביי אונז יום טוב, דער געבורטס טאג פון דעם קאמאנדיר פון מאסקווער אקרוג, דעם גרויס-פירסט סערגיי. צו דער עהרע פון טאג איז געמאכט געווארען אַ גרויסע צערע-מאניע, דאס מיליטער האט געמארשירט נאך דעם צערעמאניאל-מארש און נאכהער האבען מיר בעקומען צו גלעזלאך שנאפס. איך בין ביי דעם צערעמאניאל-מארש ניט געוועזן, מען האט פון יעדער ראטע גענומען בלויז 24 מענשען, די העכער גע-וואקסענע.

י״א אב

היינט האט דער בריגאדני קאמאנדיר, דער גענעראל-מאיאר ק. עקזאמענירט דעם ערשטען באטאליאן. דער נאַ-טשאלניק-דיוויזיא איז אויך אנוועזענד געווען און ביי דיעזע 2 הויכע נאטשאלניקעס האבען מיר שטארק אויסגענומען און זיי האבען אונז פיעלע מאל געדאנקט און געלויבט. דאס זעלבע האבען נאכהער געטאן די קלענערע נאטשאלניקעס: דער קא-מאנדיר פאלקא און דער בעל-שמחה זעלבסט, דער באטאליאני קאמאנדיר און מיר האבען דערוויילע געהאט איין ארבייט זיך רייסען די העלזער און שרייען: ״RADY STARATSA״ (מיר זיינען גערען זיך פלייסען) אזוי אז האדינקא זאל ציטערען.

די פארבערייטונגען צום עקזאמען האבען זיך אנגעפאנגען נאך נעכטען. עס האט זיך אנגעפאנגען אַ פוצעניש מיט אַ רייבעניש אז אַ זייטיגער מענש וואלט געמיינט אז מיר זיינען משוגע געווארען.

מיר זיינען אויפגעשטאנען אום 5 אוהר און אום 6 אוהר זיינען מיר שוין ארויס געגאנגען אין דרויסען און זיך אויסגע-

סטרויעט לעבען דעם באראק. אין א האלבע שטונדע ארום איז געקומען דער ראטני און האט אונז ארויסגעפיהרט אין פעלד אריין, וואו דער גאנצער באטאליאן האט זיך פערזאמעלט עטוואס שפעטער איז געקומען דער באטאליאני און האט אנגע-פאנגען אויסגלייכען די שורות. נאכהער איז געקומען דער קא-מאנדיר פאלקא און נאך איהם דער הויפט מחותן, דער בריגאדני קאמאנדיר וואס האט אונז געדארפט עקזאמענירען. ווי נאר מיר האבען איהם צוגעטהיילט דעם כבוד וואס קומט איהם איז געקומען אויך דער נאטשאלניק דיוויזיא און דער עקזאמען האט זיך אנגעפאנגען. מיר האבען דורכגעמאכט פיעלע סטרוי טהאטען און אויך אַ שטיקעל טאקטישע ארבייט און מיט יע-דער זאך האבען מיר זיך שטארק אויסגעצייכענט. די גענערא-לען האבען ניט אראפגעלאזט קיין אויג פון אונז, אבער קיין פעהלער האבען זיי ניט בעמערקט. (ניט אומזיסט האבען מיר אזא רבי׳ן ווי ס.) און זיי האבען אונז אנגעדאנקט פיעלע קעשענים. און דער באטאליאני האט געקוואלען פון נחת און עס איז גאר ניט געווען צו דערקאנען אז דאס איז דער שרעקלי-כער טיגער ס.

מיט דיעזען עקזאמען האט זיך דער קורס פון דער באטא-ליאנער לעהרע געענדיגט. יעצט וועט זיך אנפאנגען די פאלק-לעהרע.

נאך מיטטאג איז געווען אַ לעהרע שיסונג. די שיסונג איז איינגעארדנעט געווארען אזוי ווי איין אנפאל אויף אַ פיינד. מיר האבען זיך אויסגעסטרויעט אַ 1500 שפאן פון די מישענים אין אַ מלחמה ארדנונג און האבען אנגעפאנגען געהן נענגען דעם פיינד, (די מישענים), געהן און שיסען אזוי ווי מען טוהט ביי איין אנפאל. יעדער מענש האט געשאסען מיט 5 פאטראנעס. איך האב געטראפען 3 קוילען, אבער די קוילען וואס מען טרעפט יעצט אין ציעל ווערען שוין ניט גערעכענט און ניט פארשריבען, ווייל דער שיסונג קורס איז שוין פערענדיגט.

די היץ איז יעצט שרעקליך, און די שיסונג האט זיך אבי-סעל פארלענגערט זיינען מיר איינפאך געקאכט געווארען. 2 מענשען זיינען פארשמאכט געווארען פון היץ און זיינען גע-בליבען ליגען און מען האט זיי אויף אַ וואגען אוועקגעפיהרט אין אקאלאדאק.

פון זינט די באטאליאני לעהרע האט זיך אנגעפאנגען געהט מיט אַ פעלדשער (אַ געהילף-אַרצט) מיט יעדען באטאליאן און טראגט מיט זיך פערשיעדענע מעדיקאמענטען צו גיבען די ערשטע הילף צו קראנק געווארענע סאלדאטען.

י"ב אב

היינט פון 8 ביז 11 פריה איז געמאכט געווארען אַ ספּע-ציעלע לעהרע מיט דעם צוועק צו צוגעוואוינען די סאלדאטען מיט איין אטאקע פון קאוואליעריע. זיי זאלען זיך ניט דער-שרעקען, זעהענדיג די פערד גאַלאָפּירען געגען זיי.

דער גאנצער פאלק האט זיך אויסגעסטרויעט אין 4 לאנגע שורות. צווישען איין מענשען און דעם צווייטען איז איבער-געלאזט געווארען איין אינטערוואל (ליידיגער פלאץ) פון 1½ ארשין. דער ערשטער באטאליאן איז געשטאנען אין דער ערשטער שורה. אַ פאלק קאוואליעריע האט זיך אוועקגע-שטעלט ביי א צוויי ווערסט ווייט פון אונז און האט אנגעפאנגען געהן אויף אונז. אין דער לעהרע האט אויך גענומען אנטהייל איין אבטהיילונג ארטילעריע, וועלכע האט זיך אוועקגעשטעלט אין דער זייט אויף אַ בערגעל צו בעגעגענען דעם „שונא" ווען ער איז נאך ווייט, וויל מיט קאנאנען שיסט מען אַ סך ווייטער ווי מיט ביקסען. ווי נאר אונזער קאמאנדיר האט מיט זיין ספּאַקטיוו דערזעהן אז דער „שונא" האט אנגעפאנגען געהן האט ער בעפוילען דער ארטילעריע צו שיסען. עס פערשטעהט זיך אז די ארטילעריע שיסט אויך מיט פאלשע פאטראנעס אזוי ווי מיר. די פאטראנעס זיינען פול מיט פולווער, אבער אין

מויל פון פאטראן זיצט אַ שטיק פאפיער. און אַ שרעקליך הילכיגער קלאפּ ווערט דערהערט פון א שאס פון א קאנאן. אהן קיין שום איבערטרייבונג קען מען זאגען אז די ערד ציטערט ווען די ארטילעריע שיסט.

ווען די קאוואלעריע איז צוגעקומען אביסעל נעהענטער האבען מיר אויך אנגעפאנגען שיסען און ווען זי איז צוגעקומען ביז א 200 שפאן פון אונז האבען מיר אויפגעהערט צו שיסען און מיר האבען זיך אוועקגעשטעלט אויף אונזערע ערטער אהן קיין שום בעוועגונג. אזוי האט מען אינז אנגעזאגט. די קאוואלעריסטען זיינען צוגעקומען אין 4 געשלאסענע קאלאנעס (מחנות, קערפערשאפטען). קומענדיג נאהענט א 100 שפאן פון אונז האבען זיי זיך פלוצלינג אויסגעסטראיעט אין 4 לאנגע שורות נעגען אונז אזוי אז יעדער רייטער איז געלאפען נעגען איין אינטערוואל פון אונזערע רייהען און אזוי זיינען זיי דורכגעריטען דורך אונזערע ראדען און זיינען זיך אוועקגעפאהרען.

עס איז געווען א שרעקליכעס אבער א שעהנעס בילד. די פערד האבען זיך געטראגען מיט א טייוועלשער שנעלקייט און יעדען איינעם האט זיך געדוכט אז דער פערד לויפט גלייך אויף איהם און אט באלד וועט ער איהם צוטרעטען מיט די פיס.

פאר דער אטאקע האבען אונז די אפיצערען געווארענט אז עס וועט אויסזעהען מוראדיג אבער זיי האבען פארזיכערט אז עס וועט קיין בייזעס געשעהען, נאר מיר דארפען זיך היטען זיך ניט געבען קיין ריהר ווען די פערד וועלען צוקומען צו אונז אום זיי זאלען זיך ניט דערשרעקען. איין מענש האט זיך איבערגעשראקען און האט זיך אביסעל אבויג געטאן אין דער זייט האט זיך א פערד דערשראקען און האט זיך א שטעל געטאן אויף די הינטערשטע פיס, אבער דער רייטער האט איהם איינגעצוימט און איז דורכגעפאהרען.

י״ד אב

נעכטען איז דער פּאלק געגאנגען אין שטאט קאראאול. איך בין געווען א פּאסילני (שיק מענש) אין אקרוג-שטאב (מיליטערישע קרייז פערוואלטונג) איך האב געדארפט געהן וואוהין מען וועט מיך שיקען.

מיינע אויגען זיינען קאלי געווארען און ביינאכט זעה איך גארניט. דיעזע אויגען שוואכקייט רופט זיך דא ״הינער בלינד-קייט״ און איז שטארק פערשפּרייט צווישען די סאלדאטען. קיין מיטעל איז צו איהר ניטא, אבער זי געהט אליין איבער אין א שטיקעל צייט.

ט״ו אב

היינט איז געווען א קאנקורס שיסונג. אלע ערשטע קלאסע שיסער קענען אנטהייל נעמען אין דעם קאנקורס. יעדער מענש שיסט אין א קליינער קיילעכיגער מישען אויף א שטרעקע פון 200 שפּאן און ווער עס טרעפט אלע 5 מאל בע-קומט א זילבערנעם זייגער אלס א פּרייז.

ט״ז אב

היינט איז עפּעס א קריסטליכער יום טוב און מיר זיינען פריי פון לערנען. איך בענוץ זיך מיט דער געלעגענהייט און וועל שרייבען אביסעל וועגען דעם לעבען אין לאגער.

מיר שטעהען אויף אום 5 אוהר, אויב עס טרעפט ניט קיין אויסערגעוועהנליכער פאל. ביז 6:30 עסען מיר אפּ און מיר גרייטען זיך צו צו דעם לערנען. אום 6:30 געהען מיר ארויס אין דרויסען און דער פעלדפעבעל שטעלט אויס די ראטע נאך דער צאהל לייטע וואס ווערט געפאדערט און אום 7 אוהר קומט דער ראטני און מיר געהען ארויס אין פעלד. מיר לערנען ביז 9 אדער 10 און פיעלע מאל אויך ביז 11 אוהר נאכהער קעהרען מיר זיך אום אין די באראקען און רייניגען אויס די ביקסען. אום 12 אוהר עסט מען וואַרמעס. אויב עס טרעפט ניט קיין

אויסערגעוועהנליכעס רוהט מען ביז 4:30 און מען געהט ווידער ארוים אין דרויסען זיך סטרויען צו דער לעהרע. פון 5 ביז 7 אדער ביז 7:30 לערנט מען. נאכהער רייניגט מען די ביקסען, מען טרינקט טיי און מען עסט וועטשערע. אויב מען האט געשאסען ביי דער לעהרע בלייבט מאנכעס מאל קיין צייט ניט צו טרינקען טיי און צו עסען, ווייל נאך דעם שיסען מוז מען בעסער רייניגען די ביקסען, בייסט מען עטוואָס איבער טוענדיג די ארבייט.

אום 9 אוהר שטעלט מען זיך צו דער "פאווערקא" (איבער-צעהלען). די "פאווערקא" ווערט דא געמאכט מיט גרעסערע צערעמאניעס ווי אין קאזארמע. דער גאנצער פאלק סטרויעט זיך אוים פאר דעם לאגער און 12 באראבאנשציקעס (פויקערס) פויקען די "זאריא" פיעלע מאל קומט ארוים דער פאלק-ארקעס-טער און שפיעלט אַ ספעציעלען נגון וואס מען רופט אויך "זאריא". נאכהער זינגט מען די אווענד תפלות אין מען קעהרט זיך אום אין באראק נאך דעם פויק אדער נאך דעם טאַקט פון דער מוזיק.

נאך דער "פאווערקא" זינגען די סאלדאטען ליעדער ביי אַ שטונדע, יעדער ראטע אין אַ כאר. דאס ווערט געטאן צוליעב צייט פערטרייב און פערגניעגען און אויך אום זיך צו לערנען זינגען, ווייל פיעלע מאל, ווען מען געהט צוריק פון דער לעהרע פאדערען די קאמאנדירען מ'זאל זינגען ליעדער דארף מען דאך די ליעדער איינשטודירען. די ליעדער זיינען, מיט קליינע אויסנאהמען, ניט קיין מיליטערישע, נאר געוואוינליכע רוסישע פאלקס-ליעדער, דער אינהאלט פון וועלכע איז "זי". די ליעדער זייינען געשמאקלאז און גראב און צוגעזאלצען מיט עקעלהאפטען נבול-פה. כמעט אלע ליעדער זיינען אזעלכע וואס האבען אַ צווינג, איין מאן זינגט די ליעד און נאך יעדען קופלעט זינגען אלע צוזאמען דעם צווינג. אין פיעלע ליעדער

פאסט ניט דער צוזינג צו דער ליעד, אבער דאס ארט קיינעם ניט. עס זיינען אויך דא ליעדער וואו איין ווארט פאסט ניט צום צווייטען און דאס שאדט אויך ניט, אַבי עס איז דא אַ גראַם. צ. ב. ש.

"TRY DEREVNY DVA SELA
VOSEM DEVOK ODIN YA
KUDA DEVKY TUDA YA"

(דריי דערפלאך, צוויי דערפער. אַכט מיידלאך און איך איינער, וואוהין די מיידלאך, אהין אויך איך) וואס געהערען זיך אָן די דערפער צו די מיידלאך? אבער קיינער קימערט זיך ניט פאר אזא קלייניגקייט; די ווערטער "DVA SELA" און "ODIN YA" גראמען זיך און דאס איז אלעס וואס עס פאדערט זיך.

די בעליעבטעסטע ליעדער זיינען גראד אזעלכע וואס זייער אינהאלט קאן מען בשום אופן ניט איבער גיבען אויף דעם פאפיער, זיי זיינען טהיריש שמוציג. עס זיינען דא אַ פּאר ליעדער, וואס עקלען ניט מיט זייער נבול-פה, עקלען זיי אבער מיט זייער נארישען אינהאלט, מיט זייער פלאפלעריי. איינער צ. ב. ש. דערצעהלט אין זיין ליעד די גרויסקייט פון רוסלאנד און דאס פעהיגקייט פון דעם "ממזר" דעם קאזאק וואס האט אמאל אפגענארט דעם פראנצויז: ער האט אפגעגאלט זיין בארד און וואנצים און איז געקומען צום פראנצויז צו גאסט און דער פראנצויז דער נאַר האט איהם ניט דערקאנט און האט איהם אנגענומען פאר אַ סוחר האט ער איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך און האט איהם מכבד געוועזן מיט אַ פיינער כוס'ע א. ז. וו.

די קאראול דיענסט און די אַמטען פון פאלק זיינען אין לאגער אזוי ווי אין דער קאזארמע.

איינפאכע ארבייט איז דא אין לאגער פיעל מעהר ווי אין קאזארמע, ווייל אום אויפצוהאלטען דעם לאגער אין ארדנונג

פאדערט זיך פיעל ארבייט. מען שיקט מענשען אויף ארבייט נאך דער רייהע. עס קומט אויס יעדען מענשען געהן אויף ארבייט איין מאל אין 2 טעג. אויסער דעם שיקט מען ארויס אלע מענשען פון ראטע יעדען מיטוואך און יעדען שבת בייטאג אויסקערען די סטעזשקעס און זיי באגיסען מיט וואסער. אויסער די דערמאנטע אפגעשטעלטע טעג פאר רייניגען און באגיסען די סטעזשקעס טרעפט אויך אַ מאל אז דעם דיעזשורני אפיצער פאלט איין אז די סטעזשקעס זיינען ניט ריין גענוג, אדער אַ גרויסער נאטשאלניק ווערט ערווארטעט און דאן ווערען אלע מענשען ארויס געשיקט רייניגען און באגיסען די סטעזשקעס, אפילו ווען מען איז פארמאטערט פון דער לעהרע אדער מען איז ערשט געקומען פון קאַראַאול.

די זומערדיגע לעהרע איז שווערער פון דער ווינטערדיגער ווייל די היץ, דער דורשט און דער שטויב מאטערען זעהר, אבער דערפאר איז זי אינטערעסאנטער, אנגענעהמער.

מעדיצינישע בעקוקונגען ווערען אויך דא געמאכט אזוי ווי אין קאזארמע.

מיטוואך און שבת נאך ווארמעס, אויב עס טרעפט ניט עטוואס אויסערגעוועהנליכעס לערנט מען ניט נאר מען רייניגט די וואוינונגען. מיטוואך ניט זעהר ערנסט אבער שבת גאנץ ערנסט: מען רייניגט אלעס איבער, מען וואשט די נארעס (די ביינק אויף וועלכע מען שלאפט) מען טראגט ארויס דאס בעט-געוואנד און מען קלאפט אויס דעם שטויב א. ד. ג.

עס ווערט בעשטימט אַ מענש יעדען טאג צו טאן די אר-בייט אין ווזוואד: אויפהאלטען די ריינקייט אין דעם פלאץ וואס דער ווזוואד פארנעמט, בריינגען וואסער צום וואשען זיך רייניגען די שיסלען א. ד. ג. דער מענש ווערט גערופען דני-וואלני אין ווזוואד. עס קומט אויס יעדען איינעם צו זיין דני-וואלני אין ווזוואד איין מאל אין אַ 2 וואכען.

עס איז דא אַ באד פאר דער גאנצער דיוויזיא און איין מאל אין 2 וואכען געהט יעדער ראטע אין באד אריין. אין באד איז דא איין אויפזעהער און ארבייטער ווערען געשיקט יעדען טאג צו צוגרייטען ווארימע און קאלטע וואסער פאר אלעמען, אבער מעהרסטענס איז קיין ווארימע וואסער ניטא.

אין דער פרייער צייט קאן מען אויך געהן זיך באדען אין טייך, וואס איז ניט זעהר ווייט פו דעם לאגער, אבער דאס קומט אָן מיט שוועריגקייטען: אליין טאר קיין סאלדאט ניט געהן זיך באדען אין טייך, נאר אז עס קלייבט זיך אָן אַ גאנצע קאמפאניע בעשטימט דער דיעזשורני איינעם פאר איין עלצטען אין שיקט זיי אוועק. און איין אפּגעצאמטער פלאץ איז דא אין טייך וואו די וואסער גרייכט בלויז ביז האלב, אין דיעזען פלאץ מעג מען זיך באדען, ניט ווייטער.

יעדער פאלק האט אַ וואשינג-הויז וואו די סאלדאטען וואשען זייער וועש. די וואשינג הויז האט איין אויפזעהער וועלכער דארף צוגרייטען ווארימע וואסער, אבער מעהרסטענס מוז מען זיך בענוגענען מיט קאלטע וואסער.

אין אַ יום טוב קאן מען געהן אין שטאט אריין, אזוי ווי פון דער קאזארמע.

דאס ריינקייט און אין אלגעמיין דער סאניטארער צושטאנד פון דעם לאגער ווערט שטארק אפּגעהיט. עס איז דא אַ ספּע-ציעלע סאניטארנע קאמיסיע וואס גיט דערויף אכטונג און גאנץ אפט בעזוכט די קאמיסיע די וואוינונגען.

דאס עסען איז אזוי ווי אין קאזארמע: עס איז ניט גאָר שלעכט אבער ניט גענוג. אויף אנבייסען גיט מען גאר ניט און אויף וועטשערע — כמעט גאר ניט און די גרעסטע טהייל מענשען געהען ניט עסען די וועטשערע. אויסער דעם טרעפט אז די ברויט איז רוי און דאס פלייש איז מעהרסטענס רוי.

דא גיט מען אויך מיטוואך און פרייטאג אַ שטיקעל פלייש אבער בלויז אַ האלבע פארציע.

נעכטען איז אונזער ראטע געגאַנגען אין פאלק-קאַראַאול. מיין פאסטען איז געווען לעבען געלד-קאַסטען.

אין צייט פון מלחמה טרעפט אז דער שונא פאלט אָן ביי נאכט און די סאלדאטען דארפען אמשנעלסטען זיך אנטאן, נעמען דאס געוועהר און זיך אויסשטרויען גרייט צו אַ שלאכט. עס איז דא אַ ספעציעלע פויקערײ וואס רופט זיך ״TREVOGA״ (אומרוהיגקייט, שרעק), וואס דורך איהר לאזט מען וויסען דעם מיליטער אז אַ סכנה איז נאהענט. עס איז אנגענומען אז אין 5 מינוטען צייט נאך דעם וואס די „טרעוואגא״ ווערט דערהערט דארף דאס מיליטער שטעהן גרייט צו באגעגענען דעם שונא.

אום די סאלדאטען זאלען אביסעל צוגעוואוינט זיין שנעל אויפשטעהן און זיך צוגרייטען צו אַ שלאכט טרעפט אז דער אויבער קאמאנדיר פון דעם אקרוג (אויסער איהם טוט דאס קיינער ניט) קומט צו ביינאכט צו דעם דיעזשורני פויקער און הייסט איהם „קלאפען טרעוואגא״. דאס ווערט געטאן זעלטען אבער ווייל קיינער ווייסט ניט ווען דעם אויבער קאמאנדיר וועט זיך פערגלוסטען מאכען דיעזע רעפעטיציע און די אפיצערען האבען מורא טאמער וועט זיך די רעפעטיציע ניט איינגעבען און די סאלדאטען וועלען פערשפעטיגען זאגען זיי אָן זיך גרייטען צו „טרעוואגא״ יעדעס מאל, ווען מען ערווארטעט דער אויבער קאמאנדיר זאל קומען אין לאגער.

דער אויבער-קאמאנדיר ווערט ערווארטעט דיעזען מאנאט און די אפיצערען האבען אנגעזאגט מיר זאלען זיין גרייט יעדע נאכט. און מיר זיינען גרייט. שוין 2 וואכען אז אלע שלאפען אין די קליידער. דער שינעל איז צוזאמענגעלייגט און ליגט צוקאפענס און די שטיוועל שטעהען ביי דער נאַרע און ווי נאר די „טרעוואגע״ וועט זיך דערהערען וועלען גיט איבערגעהן קיין

3 מינוטען און מיר וועלען שטעהן אין דרויסען גרייט צו אַ שלאכט ר״ל.

י״ט אב

נעכטען פון 7 ביז 9 פריה איז געווען די ערשטע פאלק-לעהרע. די פאלק-לעהרע אונטערשיידעט זיך ניט אין גרונד פון דער באטאליאני לעהרע, נאר זי איז גרעסער, ברייטער. געלערענט האבען מיר „סטרוי״.

די פאלק-פאהן ווערט מיטגעטראגען וואוהין דער פאלק געהט. דער פאלק ארקעסטער געהט אויך מיט.

דאס לערנען ווערט געעפענט און פערענדיגט מיט אפגיבען כבוד דער פאהן. ווי נאר דער פאלק סטרויעט זיך אוים ברייננגט מען די פאהן און מיר גיבען איהר אפּ כבוד געמענדיג די ביקס „נאַ קאַראַאול״ ווי פריהער ערקלעהרט און דער ארקעסטער שפּיעלט אַ ספּעציעלען נגון. דיעזע צערעמאניע ווערט איבער גע׳חזר׳ט ווען דער פאלק קומט צוריק פון דער לעהרע, איידער די ראטאס צוגעהען זיך אויף זייערע פלעצער.

ביי דער פאלק-לעהרע ערפיעלען ניט די מענשען די קא-מאנדא פון דעם קאמאנדיר-פאלקא דירעקט, נאר זיי ווארטען ביז די קאמאנדא ווערט איבערגעחזרט פון די באטאליאני קא-מאנדירען און דער קאמאנדיר פאלקא צוטהיילט ניט זיין קא-מאנדא אויף אַ פארבערייטונגס בעפעהל און איין ערפיעלענדען בעפעהל, אזוי ווי פריהער ערקלעהרט, נאר ער רופט אוים די גאנצע קאמאנדא און די באטאליאני קאמאנדירען חזר׳ען זי איבער אויף דעם אנגענומענעם אופן. און אום איינער זאל ניט זיין פריהער און אַ צווייטער שפּעטער ווערט די קאמאנדא אי-בערגעגיבען אויף פאלגענדען אופן: דער קאמאנדיר-פאלקא רופט אוים די קאמאנדא און הויבט אויף זיין שווערד און די באטאליאני קאמאנדירען רופען אוים דעם פארבערייטונגס בעפעהל און קירעווען אוים זייערע קעפּ צו דעם קאמאנדיר-

פאלקא און ווען דער לעצטער לאזט אראפ זיין שווערד ענדיגען זיי מיט דעם ערפילענדען בעפעהל. צ. ב. ש. ווען דער קאַמאנדיר פאלקא וויל בעפעהלען זיך אַ קעהר טאן רעכטס רופט ער אוים "!POLK NAPRAVO" און הויבט אויף זיין שווערד און די באטאליאני-קאמאנדירען רופען אוים יעדערער צו זיין באטאליאן דעם פארבערייטונגס בעפעהל: "......NA PRA" און קירעווען אוים די קעפ צו דעם קאמאנדיר-פאלקא און ווען ער לאזט ארונטער זיין שווערד רופען זיי אוים דעם ערפילענדען בעפעהל: "!VO..." און אלע מענשען גיבען זיך אַ קעהר רעכטס. א. ז. ו.

אין דער צייט פון דער לעהרע פיהרט מען מיט אַ האספּיטאל-וואגען און אַ פאס וואסער. ווען דער פאלק שטעלט זיך אפּרוהען קאן מען צוגעהן און טרינקען וואסער.

היינט אין דער פריה איז געווען א טאקטישע לעהרע. 2 באטאליאנעס האבען געשטריטען געגען 2 באטאליאנעס.

כ. אב

נעכטען פון 8 ביז 1 ביינאכט איז געווען אַ נאכט לעהרע. די לעצטע 2 באטאליאנעס האבען אטאקירט די ערשטע 2 באטאליאנעס. די שלאכט איז פארגעקומען אויף פאלגענדען אופן: אונזער הויפּט ארמעע (וואס האט זיך געפונען אין דער פאנטאזיע) איז געשטאנען לעבען לאגער און ווען זי האט זיך דערוואוסט אז דער פיינד, די לעצטע 2 באטאליאנעס שטעהט פון יענער זייט טייך האדינקא האט זי ארויס געשיקט אונז, די ערשטע 2 באטאליאנעס, אונטער דער פיהרונג פון דעם פּאדפּאלקאווניק מר. ס. צו פערהאלטען דעם פיינד ער זאל ניט אריבער דעם טייך ביז זי וועט אליין קומען צו יענעם פלאץ. מיר האבען זיך אוועקגעשטעלט לעבען די 2 בריקען און מר. ס. האט ארוים געשיקט אויסזעהער און ער האט זיי אנגעזאגט זיי זאלען באלד לאזען וויסען ווען זיי וועלען בעמערקען אַ בעוועגונג

אין דעם שונא׳ס מחנה. ביי 11 אוהר האבען די אויסזועהער געלאזט וויסען אז דער פיינד איז ארויס געגאנגען. און דער פיינד האט זיך צוגערוקט צו אונז מיט גרויס בריהשקייט. די קעפקעס האט ער אויסגעטאן, ווייל אַ ווייסע זאך זעהט זיך פון ווייטען אויך ביינאכט. אַ טויט שטילקייט האט געהערשט אין זיינע רייהען. קיין זילבע, קיין שטארקער טראט, קיין קלאנג פון געוועהר. אזוי ווי אַ קאץ האט ער זיך צוגעגנבעט און האט זיך אפגעשטעלט הינטער אַ בערגעל ניט ווייט פון איין בריק און דענקענדיג אז אונזערע קרעפטען זיינען צוטיילט האט ער געוואלט אונז איבערראשען און זיך ארויף ווארפען מיט אלע זיינע קרעפטען אויף איין בריק. אונזערע אויסזועהער האבען אבער בעמערקט אז אלע קרעפטען פון דעם שונא זיינען פערזאמעלט ניט ווייט פון 1 בריק און זיי האבען וועגען דעם געמעלדעט האט אונזער קאמאנדיר אויך זיינע קרעפטען פער-זאמעלט לעבען דעם זעלבען בריק און אזוי האט זיך די שלאכט געענדיגט מיט גארניט, קיינער האט ניט געוואונען. מיר האבען בלויז עטליכע זאלפען אויסגעשאסען איינע אויף די אנדערע.

היינט זיינען מיר אויפגעשטאנען אום 8 אוהר פריה.

כ״א אב

די לעהרע שטונדען זיינען פערמעהרט געווארען אזוי אז פיעלע מאל האבען מיר קיין מעגליכקייט ניט צו עסען און צו טרינקען אין דער צייט.

נעכטען פארנאכט פון 4 ביז 8 איז געווען אַ טאקטישע לעהרע. אַ האלבע שטונדע און פיעלייכט נאך מעהר נעמט זיך צוגרייטען צו דער לעהרע און ווען מיר האבען זיך אומגע-קעהרט אין די באראקען האבען מיר נאך געדארפט רייניגען די ביקסען און אזוי זיינען מיר געווען פערנומען פון 3:30 ביז 8:30 און עס איז אונז שוין ניט געבליבען קיין צייט צו עסען און

טרינקען טיי, ווייל מיר האבען זיך באלד געדארפט שטעלען צו דער „פאווערקא״ און געהן אין „טיי-הויז״ נאך הייסע וואסער דארף נעמען פון 15 ביז 20 מינוטען, האבען מיר געגעסען צו שטיקלאך ברויט נאך דער פאווערקא און זיך געלייגט שלאפען. היינט פון 30 :6 ביז 30 :10 פריה האבען מיר ווידער געהאט אַ טאקטישע לעהרע. ארויס געגאנגען זיינען מיר אום 6 אוהר און אין דער פריה נעמט פיעל צייט זיך צוגרייטען צו דער לעהרע, מען דארף רייניגען די קליידער, פוצען די שיך, אויס-רייבען די מאניערקא (קופערנע שפייז קעסעלע), דעם קנאָפּ פון דעם פאס א. ד. ג. און אזוי זיינען מיר געווען פערנומען 7 שטונדען און מיר האבען קיין צייט ניט געהאט טרינקען טיי און רוהיג עפּעס עסען נאר אזוי, געהענדיג, טוענדיג אונזער ארבייט האבען מיר געגעסען אונזער אנבייסען.

און ביי דער לעהרע מאטערען יעצט די היץ, דער שטויב און די דורשט. די היץ צואווארעמט דעם קערפער און מאכט שווער דאס געהן. מען ווערט דורכגעווייקט פון שוויס און די קליידער קלעפּען זיך צום לייב. דער שטויב דרינגט אריין אין מויל, אין נאז און אין האלז און טריקענט אין גאנצען אויס די פייכטקייט און די דורשט ווערט אונערטרעגליך. די וואסער וואס מען נעמט מיט אין דעם פעסעלע וואס מען טראגט מיט זיך ווערט שנעל קאַלי און מען קאן זי ניט טרינקען און ארויס-געהן פון דעם „סטרוי״ און געהן זיך אנטרינקען פון דער פאס וואסער, וואס מען פיהרט מיט, לאזט מען גאנץ זעלטען.

ביי דער לעהרע ווערען יעצט געטאן פיעלע טהאטען, פיעל מעהר ווי ביי דער באטאליאנער לעהרע, אבער מעהרס-טענס פערשטעהען ניט די סאלדאטען די טהאטען וואס ווערען געטאן. דיעזע ראטע געהט אהער און דיעזע — געהט אהין און קיינער פון אונז ווייסט צו וואס און וואוהין זיי געהען. דיעזע ראטע זיצט ערגעץ אין א בעהעלטענים און פלוצלונג

קומט אן א בעפעהל זי זאל ארויסגעהען און זיך אנשליסען אן די איבריגע ראטעס און קיינער פון אונז ווייסט ניט צו וואס איז די ראטע פריהער געווען בעהאלטען און ווארום איז זי יעצט ארויס געקומען ניט טוענדיג קיין זאך. ווייל די קאמאנ-דירען ערקלעהרען אונז ניט דעם צוועק פון יעדער טהאט, און קיין זאך ווערט דאך ניט געטאן "גלאט אזוי זיך", יעדער טהאט ווערט דאך געטאן מיט אַ געוויסען צוועק, צו דערגרייכען עפּעס א ציעל. מאנכעס מאל ערקלערען די קאמאנדירען אבּיסעל דעם פּלאן פון דער פארשטעהענדער שלאכט, אבער גאנץ אויבערפלעכליך און מיט קיינע איינצעלהייטען. אויך ביי דער באטאליאנער לעהרע האט מען אונז גאנץ וועניג ער-קלעהרט די איינצעלנע אפּעראציעס און זייער צוועק, אבער אזוי ווי די לעהרע איז נאך געווען אין א קליינעם מאסשטאב האב איך פערשטאנען אלעס וואס ווערט געטאן, יעצט אבער איז שוין שווער אלעס אליין צו בעגרייפען און מיר טוען די ארבייט מעכאניש, נאך דער קאמאנדא אבער מיר פערשטעהען זי גאנץ וועניג.

כ"ה אב

נעכטען זענען געווען 2 שיסונגען. פון 7 ביז 9 פריה איז געווען א שנעלע שיסונג. ביי א שנעלער שיסונג מוז מען אויס-שיסען אלע 5 מאל אין 30 סעקונדען. מיר האבען געשאסען ליגענדיג. איך האב געטראפען 1 מאל און די מעהרסטע מענ-שען האבען ניט געטראפען מעהר און פיעלע האבען אין גאנצען פערפעהלט, ווייל מורא האבענדיג טאמער וועט מען פערשפעטיגען, האט מען דער הויפּט אין זינען געהאט וואס שנעלער אויס צו שיסען די 5 פאטראנעס און מען האט ניט געציעלט גוט. ביי טאג פון 1 ביז 3 האבען מיר געשאסען אויף א שטרעקע פון 440 שפאן, ניט יעדערער בעזונדער, נאר דער גאנצער ווזוואד צוזאמען אין א גרופּע מישענים. מיר האבען

געשאסען "זאלפען" (אלע צוזאמען אויף א מאל). אונזער וחוואד האט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם שיסען בעסער פון אלע איבריגע וחוואדען און דער פארוטשיק מ. וואס האט גראד פערטראטען דעם ראטני קאמאנדיר האט אונז פיעלע מאל געדאנקט.

כ"ז אב

היינט איז ביי אונז יום טוב, דער אלטער קיסרינ'ס געבורטס טאג. איך בענוץ זיך מיט דיעזער געלעגענהייט און וועל אביסעל בעשרייבען די בעציהונגען פון די רוסישע און אידישע סאלדאטען איינע צו די אנדערע.

דעם אידען האסען דא אלע, פון דעם איינפאכען סאלדאט ביז דעם גרעסטען אפיצער און די שנאה איז ניט אזוי שווער איבער צו טראגען ווי דאס פעראכטונג, וואס יעדערער ציינט ארויס דעם אידען. דאס ווארט "זשיד" ווערט אימער בענוצט אלס א זידעל-ווארט. יעדער מיאוסער גראביאן, יעדער חזירים-פיטערער קוקט אויף דעם אידען ווי אויף עפעס א ניעדריגע בריאה, וואס איז גאר קיין מענש ניט. קיין רום געהט ניט קיין מאהל פארביי א אידען ניט בעליידיגענדיג איהם.

יעדער איינער מאכט מאוסע גרימאסען, שרייט: "אוי" "וויי" "נו" מיט א עקעלהאפטער שטימע, רופט אויס פארגרייזטע רוסישע ווערטער צו איבערקרימען דעם אידען. איבערהויפט איז דא אנגענומען אפ צו לאכען פון דעם אידענס שיסען און יעדער איינער קרימט נאך מיט מאוסע גרימאסען ווי דער איד זאגט דעם ראטני קאמאנדיר: "VASHE VISOCOBLAGORODIE SLUSIT BUDU STRELHAT NE BUDU—BOYUS" (אייער הויכפיינקייט, דיענען וועל איך אבער שיסען וועל איך ניט, איך האב מורא.) און דאס הערט מען אויף יעדען שריט און טריט, פון יעדען ליימענעם גולם, וואס האט קוים 10 אדער 12 קוילען פאר דער גאנצער צייט געטראפען.

עס פערשטעהט זיך אז קיין פריינדליכע געפיהלען קאנען מיר צו די רוסען ניט פיהלען און אויסער דעם איז אונז זעהר שווער זיך צוגעוואוינען צו זייער געזעלשאפט. עס איז אבסאָלוט אונמעגליך צו בעשרייבען דאס גראבקייט, דאס ווילדקייט, דאס עקעלהאפטע בענעהמען זיך פון אונזערע רוסישע "קאמעראדען" (עס פערשטעהט זיך אז עס זיינען דא אויסנאהמען.) זייערע גראבע מגשמדיגע פנימער, זייער אויפפיהרען זיך, זייערע געשפרעכען זיינען איינפאך אונערטרעגליך. קיין זאך אין דער וועלט אויכער עסען, א גלעזעל שנאפס און געשלעכטליכע בעציהונגען אינטערעסירט זיי ניט. ווען א זייטיגער מענש זאל זעהן דעם שטורם וואס הויבט זיך אויף אין דער מינוט, ווען דער דניוואלני, שרייט אויס: "POSHOL NA OBED" (געהט אויף ווארמעס) וואלט ער געדענקט אז א שרעקליכער פיינד איז אנגעפאלען אדער איין ערד-ציטערניש האט אויסגעבראכען. יעדער איינער לויפט, שפרינגט, שפארט זיך, שטויסט זיך אזוי ווי צוואווילדעטע חיות. און ווער עס האט ניט בייגעוואוינט דעם שטורם וואס ברעכט אויס ווען עס געהט פארביי אַ פרוי האט ניט געזעהן קיין עקעלהאפטע סצענע אויף זיין לעבען. יעדערער פאנגט אן טאנצען, שפרינגען, פייפען, הוקען, אויסשרייען שמוציגע, עקעלהאפטע אויסגעשרייען אזוי אז מען קאן קוים גלויבען אז דאס זיינען מענשען. דערזעהט ווער עס איז אַ ביסעל שנאפס צינדען זיך ביי איהם אָן די אויגען מיט אַ ווילדען פייער, מיט אזא מין פייער ווי עס צינדען זיך אן די אויגען פון דער קאץ, ווען זי דערזעהט אַ מויז. זייערע געשפרעכען און זייער צייט פערטרייב אין אלגעמיין זיינען אזוי מיאוס, אזוי שמוציג אז מען קאן זיי גאר עפענטליך ניט שילדערען... מאנכעס מאהל קומען פאר אזעלכע „אונשולדיגע" שטיפערייען אז ווען מען זאל זיי אפילו יאָ שילדערען וועט קיין זייטיגער מענש בשום אופן ניט גלויבען...

די רוסען בעשולדיגען אימער די אידען אז זיי פוילען זיך מיידען אוים ארבייט, אבער וויפיעל איך האב נאכגעפארשט און זיך צוגעקוקט האב איך ניט בעמערקט קיין גרונד צו דיזער בעשולדיגונג. איך ווייס ניט די אורזאכע, אבער אלע סאלדא-טען זיינען אויסערגעוואוינליך פויל. אויף איין ארבייט פון 2 מענשען שיקט מען דא 5 און אלע 5 צוזאמען טוען די ארבייט לייגגער ווי עס וואלטען די זעלבע ארבייט געטאהן 2 מענשען אין דער היים, אבער אז דער איד זאהל ב ע ז ו נ ד ע ר ס אויס-מיידען ארבייט, זאהל זיך מעהר פוילען פון אנדערע האב איך ניט בעמערקט. פיעלע מאהל ארבייט נאך דער איד שווערער אום מען זאהל צו איהם קיין טענות ניט האבען. עס איז ניטא קיין ערגערס ווי צו ארבייטען צוזאמען מיט דעם רוס, ער רירט זיך ווי אַ „בלייען פויגעלע" און דעם אידען זידעלט ער און טענה'ט אז ער וויל ניט ארבייטען.

כ"ח אב

היינט אין דער פריה איז געווען אַ „סטרוי" לעהרע.

פון 3 ביז 5 פארנאכט האט די גאנצע ראטע געשאסען „זאלפען" ווייז אין אַ גרופע מישענים און נאכהער האט מען אי-בערגעציילט וויפיעל קוילען די גאנצע ראטע האט געטראפען. דאס ווערט געטאן מיט דעם צוועק צו עקזאמענירען די ראטעס אין שיסען.

ל. אב

עהרנעכטען פון 8 ביז 10 אווענד איז געווען אַ נאכט-שיסונג. דער צוועק פון אַ נאכט-שיסונג, ווי דער ראטני האט אונז ערקלעהרט איז פאלגענדער: אין צייט פון מלחמה, ווען עס טרעפט זיך אַ פאסיגע געלעגענהייט טוט מען אף דעם שונא אזא מין שפיצעל: מען שיקט ארוים בייטאג עטליכע פעהיגע סאלדאטען און זיי קלייבען אוים בעהאלטענע ערטער נעגען פערשיעדענע פונקטען פון דעם שונא'ס לאגער, וואו מען קאן

איהם בריינגען שאדען און וועלכע ער קאָן ניט לייכט פער־לאזען. אויף דיעזע ערטער גראבען זיי איין הילצערנע סלופּעס אויף די סלופּעס לייגען זיי אוועק ביקסען און שטעלען זיי אָן ריכטיג אין ציעל און בעפעסטיגען זיי אזוי אז זיי זאלען זיך ניט ריהרען פון פּלאץ און אז עס ווערט פינסטער שטעלען זיי זיך אוועק לעבען די ביקסען און שיסען אויף דעם שונא וויפיעל זיי געפינען פאר נויטיג. אזא מין בעהאלטענע שיסעריי בריינגט אַ דאפּעלטע נוץ: מען טוהט אָן שאדען דעם פיינד ניט זייענדיג אליין אין געפאהר, ווייל אויב אפילו דער שונא ענטפערט אויף דער שיסעריי קאָן ער קיין פיעל שאדען ניט בריינגען ווייל ציעלען זיך אין דער פינסטער קאָן ער ניט און אויסער דעם מאטערט מען אויס דעם שונא ווייל ער וויים דאך ניט וואס פאר אַ שיסעריי עס איז און ער דענקט אז מען קלייבט זיך מאכען אויף איהם איין איבערפאל און ער שטעהט אויף די פים גרייט צו אַ שלאכט.

דאס שיסונג האט זיך אנגעפאנגען אום 9 אוהר. אנוועזענד זיינען געזוען אלע אזוי ווי ביי געוואוינליכע לעהרעס געשאסען אבער האבען בלויז די יעניגע, וואס האבען אנגעשטעלט די ביקסען. דאס זיינען געווען די „יעגערס‟, 3 אדער 4 מענשען פון יעדער ראטע, נאר אזוי ווי אין דעם שיסונג האט זיך בע־טהייליגט די גאנצע דיוויזיא האט זיך אנגענומען א גענוגענדע צאהל שיסער צוערשט האט מען געשאסען זאלפּען ווייז און נאכהער שנעל, יעדערער פאר זיך.

דאס שיסונג האט געמאכט אַ שוידערליכען איינדרוק. אין דער שטילקייט פון דער נאכט האבען זיך די זאלפּען געהערט ווי זעהר שטארקע דונערען און נאך יעדען זאלפּ — א מורא׳די־גער וויעדער־קול (עכאָ) וואס האט זיך געקייקעלט און געטרא־גען אין דער לופט איינינע סעקונדען נאכאנאנד און האט גע־מאכט אלעמען ציטערען. און נאך שרעקליכער פון די זאלפּען

איז געווען דאס שנעלע שיסונג. דאס קלאפּען פון דעם שיסען האט זיך געהערט אזוי געדיכט און אזוי שנעל ווי דאס קלאפּען פון אַ האגעל אויף אַ בלעכענעם דאַך און אזעלכע שטארקע קלעפּ ווי אַ שאס ווען זיי הערען זיך אזוי געדיכט און אזוי שנעל קאן אנווארפען אַ מורא אויף יעדען וואס איז ניט געוואוינט דערצו. און דער וואס האט דאס בייגעוואוינט קאן זיך פאר-שטעלען וואס פאר אַ ממשות אַ מענש האט אין צייט פון מלחמה, ווען אזא מין האגעל פון קוילען פאלט אויף אַ מחנה מענשען.

די „יעגערס" זיינען איין ארגאניזאציאן פון 50-60 מענשען אין יעדען פאלק. די מיטגליעדער פון דיעזער ארגאניזאציאן זיינען ניט אפּגעטהיילט בעזונדער, זיי וואוינען אין די ראטעס און טוען אלעס וואס די גאנצע ראטע טוהט, נאר מאנכעס מאל האבען זיי ספּעציעלע לעהרעס און איבונגען. זיי לערנען זיך אזעלכע זאכען וואו עס פאדערט זיך ספּעציעלע פלינקקייט פליים און פּערזענליכע פעהיגקייט. צ. ב. ש. אויסקוקען דעם שונא'ס לאגער, איבערגיבען נאכריכטען אדער בעפעהלע צו מיליטער וואס איז ארומגערינגעלט פון דעם שונא א. ד. ג.

עס פערשטעהט זיך אז אין דער יעגער ארגאניזאציאן נעמט מען אריין בלויז פעהיגע מענשען.

נעכטען פון 7 ביז 12 פריה איז געווען אַ טאקטישע לעהרע. ביי דיעזער לעהרע זיינען מיר צום ערשטען מאל איבערגעגאנגען די גרענעצען פון דעם האדינקא פעלד. מיר זיינען געגאנגען ביז דעם דארף מיהאלקאווא, 8 ווערסט ווייט פון דעם לאגער. די שלאכט איז געווען נאך פאלגענדען פּלאן: אַ פיינדליכער אטריאד (מענשען מיט פעהנדלאך אין די הענד) איז געשטאנען אין מיהאלקאווא און האט בעוואכט דעם וועג צו דער ניקאלאיעווער אייזענבאהן, איבער וועלכער מען פיהרט פּראוויאנט און אמו-

ניציע פאר זיין הויפט-ארמעע (אין פאנטאזיע). אונזער הויפט ארמעע (אויך אין פאנטאזיע) וואס איז געשטאנען אויף דעם האדינקא פעלד האט ארויס געשיקט אונזער פאלק צו פער- טרייבען דעם פיינדליכען אטריאד און איבערשניידען די אייזענבאהן.

איך האב ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו בעאבאכטען די שלאכט, ווייל די לעצטע 2 וואוואדען פון אונזער ראטע הא- בען געהאט אַ ספעציעלע אויפגאבע: בעוואכען דעם אָבאָז (וועגען מיט משא וואס מען דארף האבען געהעגדיג אין וועג: פראָוויאנט, פאטראנעס, געוועהר א. ד. ג.) וואס מען האט גע- פיהרט מיט דעם פאלק, אום דער שונא זאל איהם ניט פערכא- פען. אונזער „אבאז" איז בעשטאנען פון 2 וועגעלאך פאטרא- נעס, 1 פאס וואסער, 1 האספיטאל וואגען און אַ בעוועגליכע קיך.

אין באראק האבען מיר זיך אומגעקעהרט אום 12 אוהר און באלד נאך דעם בין איך בעשטימט געווארען צו זיין דני- וואלני אין אקאלאדאק האב איך געדארפט זיך צוגרייטען: אויסרייניגען די קליידער א. ד. ג. און דער דיעזשורני אפיצער איז גראָד אויף מיין מזל געוועז דער כלב שבכלבים קאפיטאן ש. האט ער אונז ביי דער בעקוקונג (דער דיזשורני אפיצער בע- קוקט און גיט אינסטרוקציאנען אלע די וואס נעמען אָן איין אמט פיר דעם קומענדען מעת לעת) אפגעהאלטען אַ שטונדע מיט אַ האלב אזוי אז ערשט ארום 3 אוהר האב איך געהאט די מעגליכקייט טרינקען טיי און עפעס עסען.

פאר דעם אקאלאדאק ווערט בעשטימט בלויז 1 דניוואלני אהן קיין אומבייטונג און אימער שלאפט דארט דער דניוואלני ביינאכט, אבער ווען ש. איז דער דיזשורני אפיצער קאן שוין וועגען שלאפען קיין רייד ניט זיין.

די פליכטען פון דעם דניוואלני אין אקאלאדאק איז אזוי ווי אין באראק: אכטונג גיבען אויף דעם ריינקייט א. ז. וו.

ג. אלול

נעכטען האט דער נאטשאלניק דיוויזיא עקזאמענירט אונזער פאלק, אבער איך בין ביי דעם עקזאמען ניט געווען, ווייל עס האבען זיך גראד געפאדערט ארבייטער פאר דער באד בין איך געווען איינער פון זיי. מען זאגט אז דער פאלק האט שטארק אויסגענומען.

דערמיט האט זיך געענדיגט די פאלק-לעהרע און יעצט וועט זיך אנפאנגען בריגאדע-לעהרע, די גאנצע בריגאדע וועט זיך לערנען צוזאמען.

יעדען יאהר, צו דער ענדע פון דער זומער לעהרע קומט אראפ א גענעראל פון פעטערבורג צו עקזאמענירען דאס מיליטער אין שיסען און דעם רעזולטאט פון דעם עקזאמען ראפארטירט ער ערגעץ אין די „הויכע פענסטער" דעם הויפט מיליטער שטאב, אדער פיעלייכט דעם קריעגס מיניסטער און איבער דעם ציטערען זעהר די אפיצערען פאר דיעזען עקזאמען. און אונזער באטאליאני קאמאנדיר מר. ס. וואס זיין ליעבע צום שיסען איז א סך שטארקער פון דער ליעבע פון א מאן צו א פרוי האט אנגעפאנגען אונז ווארנען וועגען דעם דאזיגען עקזאמען נאך אין אנפאנג זומער און ביי יעדער געלעגענהייט האט ער אונז דערמאנט אז ווען עס איז וועט פארקומען איין עקזאמען-שיסונג און אז מיר דארפען אנווענדען אלע אונזערע קרעפטען אויסצוהאלטען דעם עקזאמען, ווי עס פאסט פאר דעם ערשטען באטאליאן פון דעם ערשטען גרענאדיערען-פאלק.. און אויב ניט, וועט ער שוין אונז ווייזען וואס מיליטער-דיענסט איז... און אין די לעצטע 2 וואכען האט ער ניט פערפעהלט אפילו 1 טאג ער זאל אונז ניט דערמאנען דעם עקזאמען און מיט ווייכע רייד האט ער אונז געראטען מיר זאלען ניט ווארטען אויף דעם בעפעהל פון די עלטערע, נאר יעדערער פון אונז, פאר זיך אליין זאל אין דער פרייער צייט זיך ניט וואלגערען אויף דעם געלעגער

נאר ער זאל זיך נעמען די ביקס און פראקטיצירען וועניגסטענס אַ שטונדע אין טאג, ווייל מיר מוזען אויפהאלטען די עהרע פון דעם פאלק, וואס ווערט גערופען אויף דעם פערשטארבענעם קיסר אלכסנדר דעם דריטענס נאמען א. ז. וו. און מיר פראקטיצירען טאקע מיט דער ביקס יעדען טאג ביי אַ האלבע שטונדע, ווייל מיר געהען ארוים פון די באראקען אַ האלבע שטונדע פריהער איידער די לעהרע פאנגט זיך אָן און אין דיזער צייט פערנעמען מיר זיך מיט ציעלונג (אנשטעלען די ביקס געגען דעם פונקט אין וועלכען מען וויל שיסען) אונטער דער אויפזיכט פון די ווזוואדני קאמאנדירען, אבער דער קאמאנדיר-פאלקא האט זיך דערמיט ניט בענוגענט, ווייל דער עקזאמען וועט באלד פארקומען און ער האט בעפוילען צו פערנעמען זיך היינט אַ צוויי שטונדען אויסשליעסליך מיט ציעלונג און די ראטני קאמאנדירען זאלען עקזאמענירען זייערע לייטע.

אין מיין ציעלען האט דער ראטני קאמאנדיר ניט געפונען קיין חסרון.

נאך דער ציעלונג האבען מיר זיך פערנומען מיט פעלד-גימנאסטיקא ביי אַ שטונדע, און איך קאן ניט שפרינגען אפילו אַביסעל, מיינע פיס זיינען צו שוואך דערצו, אבער דער ראטני קאמאנדיר, וועלכער ווייסט גאנץ גוט אז מיינע פיס זיינען שוואך איז, ווי עס זעהט אויס, היינט „אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט" און ער האט זיך אויף מיר צושריען און האט מיך געצוואונגען טאן יעדע טהאט איינינע מאל און האט מיר געדראהעט אז ער וועט מיר הייסען זיך פערנעמען מיט גימנאסטיקא אין דער פרייער צייט, אבער דאס אלעס האט מיך ניט אזוי געאַרט ווי דאס וואס אַ איד איז געוועזן צו שפאט און צו שאנדע. איבער יעדען גרובען, איבער יעדען וואַל האב איך געפּרובירט שפרינגען איינינע מאל און האב ניט געקאנט און בין פיעלע מאל געפאלען און דער גאנצער באטאליאָן איז

געוועז פערזאמעלט און אלע האבען זיך געקייקעלט לאכענדיג. און יעצט נאך די שפּרינגערייען טוען מיר וועה די פיס און עס איז מיר שווער אַ טראט צו טאָן.

דיעזען זומער ווען די לאגער־לעהרע וועט זיך ענדיגען וועט דאס גאנצע מאסקווער מיליטער אוועקגעהן אויף מאניעווערעס. דאס זיינען גרויסע מלחמה לעהרער אין וועלכע עס נעמט אנ־טהייל אַ גרויסע צאהל מיליטער פון פערשיעדענעם געוועהר און אויף אַ גרויסען מאסשטאב, כמעט אזוי ווי אין אַ ריכטיגער מלחמה. די „מלחמה" ווערט געמאכט אין אַ ווייטען פלאץ און דאס מיליטער געהט אהין צופוס און איז אויסגעשטאַטעט אזוי ווי צו אַ מלחמה. עס נעכטיגט אין פעלד אין לייווענדענע קליינע פאלאטקעס, וואס די סאלדאטען טראגען מיט זיך דאמאלס.

אויף די מאניעווערעס נעמט מען ניט קיין מענשען וואס איז ניט שטארק געזונד קערפערליך און איבערהויפּט ניט אזעלכע וואס האבען שוואכע פיס. היינט בייטאג האבען די דאקטוירים אונטערזוכט אלע סאלדאטען צו זעהן ווער עס איז ניט פעהיג אנטהייל צו נעמען אין די מאניעווערעס. מיך האבען די דאק־טוירים פארבראקירט און איך וועל אויף די מאניעווערעס ניט געהן. עס טוט מיר לייד וואס איך וועל ניט האבען די געלע־גענהייט בייצוואוואוינען אזעלכע וויכטיגע מיליטערישע, סטרא־טעגישע אפּעראציעס ווי די מאניעווערעס.

די מאניעווערעס וועלען זיך אנפאנגען אין אַ 10 טעג ארום און וועלען געדויערען 2 וואכען. זיי וועלען פארקומען אין טולער גובערניא (פּראווינץ) ביי 150 ווערסט פון מאסקווא. דאס מיליטער פון מאסקווער מיליטערישען אקרוג וועט געהן איינגעהמען קורסקער גובערניא און דאס קורסקער מיליטער וועט ארויסגעהן אנטקעגען דעם „פיינד" אום איהם ניט דערלאזען צוקומען צו קורסק אוןביידע ארמעען וועלען

זיך בעגעגענען אין טולער גובערניא וואו עס וועט פארקומען די מלחמה.

און די וואס וועלען אויף די מאנעווורעס ניט געהן וועלען אויך „קיין האניג ניט לעקען" ווייל אלע ארבייטען, אלע אמטען אלע קאַראַאולען וועלען דארפען אויסגעפיעלט ווערען דורך די פערבליבענע.

ד. אלול

היינט בייטאג האבען מיר געשאסען אויף אַ שטרעקע פון 1800 שפאן, זאלפען, יעדער ראטע בעזונדער אין אַ גרופע מישענים וואס איז געווען אזוי אויסגעשטעלט ווי אַ קאנאן, גע-פיהרט פון 6 פערד מיט 5-6 מענשען וואס שטעהען לעבען איהר צו טאן די ארבייט. מיר האבען געשאסען פארטרעפליך גוט און דער באטאליאני קאמאנדיר האט אונז פיעלע מאל געדאנקט.

ו. אלול

נעכטען איז געווען אַ בריגאדני טאקטישע לעהרע. דער צווייטער גרענאדיערישער פאלק, דער ראָסטאָווער האט פער-נומען אַ פאזיציע ביי אַ 12 ווערסט פון דעם לאגער לעבען דעם דארף שטשוקינא אויף אַ בערגיגען פלאטץ, פון וועלכען מען קאן שיסען פון זעהר וויט אויף דעם אנפאלענדען פיינד. מיר, דער ערשטער גרענאדיערישער פאלק, דער יעקאטערינאסלא-ווער האבען געדארפט אטאקירען דיעזע פאזיציע און פערטריי-בען די ראסטאווער. אין דער לעהרע האבען אנטהייל גענומען 4 עסקאדראנען (ראָטעס, קאמפאניעס) קאוואליעריע און 2 באטארעעס ארטילעריע (אַ באטארעע האט 4 קאנאנען) וועלכע זיינען געווען פערטהיילט צווישען אונז און אונזער „פיינד" גלייך אויף גלייך.

מיר זיינען געגאנגען אין פאלגענדער ארדנונג: צוערשט איז געגאנגען די קאוואליעריע און איז געווען דער אוואנגארד,

נאך דער קאוואלעריע זיינען געגאנגען מיר, די אינפאנטעריע (פוס געהער) נאך אונז איז געגאנגען די ארטילעריע, נאך דער ארטילעריע האט מען געפיהרט דעם אָבאָז (די וועגען מיט מלחמה בעדערפנישען) און צולעצט איז געגאנגען אונזערע אַ קליינע אבטהיילונג און איז געווען דער אריערגארד, וועמעס אויפגאבע איז צו בעשיצען דעם אבאז, דער פיינד זאל איהם ניט פערכאפּען און אויך אכטונג גיבען אז דער פיינד זאל ניט אנפאלען פון הינטען אויף דער הויפּט ארמעע. אזוי זיינען מיר געגאנגען איינינע ווערסט ביז דער אוואנגארד האט בעמערקט די פארפּאסטענס פון דעם פיינד. דאמאלס האט דער קאמאנדיר פאלקא בעפוילען דער ארטילעריע צו באמבארדירען דעם פיינדס פאזיציעס. האט די ארטילעריע אפּגעזוכט אַ בערגעל און האט זיך דארט אוועקגעשטעלט און האט אנגעפאנגען שיסען און די פיינדליכע ארטילעריע האט געענטפערט. מיר די אינפאנטעריע האבען זיך פערנומען אביסעל אין אַ זייט וואו אַ וועלדעל האט א״נז פארשטעלט פון דעם פיינד. ווי נאר אבער מיר זיינען איבערגעגאנגען דאס וועלדעל האט דער פיינד אנגעפאנגען אויף אונז שיסען. מיר האבען צייטענווייז אויך געשאסען אבער יעדערער האט געקאנט פערשטעהן אז אונזער שיסען בריינגט ניט קיין גרויס שאדען דעם שונא, וועלכער האט געהאט גוטע נאטירליכע בעשיצונגען און אויך געגראבענע טראנשעען. אונזער איינציגער שאנס צו געווינען די שלאכט איז געווען נאר אויב מיר וועלען וואס שנעלער צוקומען צום פיינד און אנפאנגען אַ האנד צו האנד געשלעג און אזוי האט טאקע דער קאמאנדיר פאלקא געהאנדעלט: ער האט בעפוילען געהן שנעל און ווען מיר זיינען צוגעקומען נעהענטער האבען מיר אנגעפאנגען לויפען מיט אלע אונזערע קרעפטען ביז מיר זיינען צוגעקומען צום פיינד מיט אַ געשריי „אוראַ!״ און די שלאכט האט זיך געענדיגט.

איך ווייס ניט ווי אזוי עס איז פערשריבען געווארען דארטען ערגעץ אין די מיליטערישע ראפּארטען, אבער איך בין זיכער אז ווען עס זאל טאקע פארקומען אַ ריכטיגע שלאכט וואלטען מיר אזא אטאקע ניט געקאנט מאכען, מען וואלט אונז געזען אויס-געשאסען ווי די האזען איידער מיר וואלטען צוגעקומען צום שונא און ווען אפילו, דורך האסטיגען לויפען וואלט אַ טהייל פון אונז זיך יא דערשלאגען לעבעדיגערהייד צו דעם פיינדס פאזיציע, וואלט זי אזוי געווען אויסגעמאטערט פון לויפען אז זי וואלט מיט די שטיכען קיין ריהר ניט געקאנט טאהן. מיר זיינען פון דעם לויפען אויסערגעוואוינליך אויסגעמאטערט גע-ווארען. דאס הארץ קלאפּט האסטיג, דאס מויל איז אפען און אטהעמט שנעל און שווער, די אדערען וואס אין די שלייפען ווערען אויפגעבלאזען און דאס בלוט שטראמט און קלאפּט אין קאפּ ווי מיט אַ האמער. דאס אלעס האב איך געפיהלט און בעאבאכטעט ווען מיר האבען זיך אבגעשטעלט פון אונזער לויפען. און צו דעם אלעמען קומט נאך צו די גרויסע היץ און דער שטויב וואס דרינגט אריין אין מויל אין נאז און אין האלז, טריקענט אויס דאס פייכטקייט און פערשטארקט די דורשט שרעקליך.

אין באראק האבען מיר זיך אומגעקעהרט אום 1 אוהר. אלע, אפילו די קרעפטיגסטע פון אונז, זיינען געווען שטארק אויסגעמאטערט. אום 2 אוהר האבען מיר געגעסען ווארמעס. און פון 5 ביז 7, אזוי אויך היינט פריה האבען מיר זיך פערנו-מען מיט ציעלונג.

ז. אלול

היינט איז געווען דער גרויסער וויכטיגער שיסונג-עקזאמען פאר וועלכען מיר האבען אזוי שטארק געציטערט. מיר האבען אנגעפאנגען זיך גרייטען נאך נעכטען. מיר האבען אלעס גוט אויסגערייניגט און צוגעגרייט ווייסע, ערשט אויסגעוואשענע

גימנאסטישע העמדער. היינט האט מען אונז אויפגעוועקט אום 2:30 בייטאכט און ביי דער ליכט פון אַ קליין לעמפעל, וואס האט געברענט ערגעץ אין אַ ווינקעל האבען מיר זיך אנ-געטאן און ארום געוואשען און אום 3:30 זיינען מיר ארויס געגאנגען אין דרויסען. עטוואס שפעטער איז געקומען דער ראטני קאמאנדיר און האט אונז אנגעזאגט מיר זאלען זיך ניט שרעקען און ניט איילען זיך ביי דער ארבייט און מיר זיינען אוועקגעגאנגען צו דעם שיסונג-פלאץ וואו עס האט זיך פער-זאמעלט דער גאנצער פאלק. אום 5 אוהר איז געקומען דער עקזאמענירענדער גענעראל און נאך דער געוואוינליכער בעגרי-סונג האט ער ארויסגערופען דעם ערשטען באטאליאן צו געהן שיסען.

יעדער פאלק ווערט עקזאמענירט אין אלע מינים שיסונגען: לאנגזאם, שנעל און זאלפען, אויף אלע אופנים: שטעהענדיג, ליגענדיג און קניהענדיג און אויף פערשיעדענע שטרעקעס און אין פערשיעדענע מישענים. יעדער ראטע שיסט אויף אַ 2 אדער 3 אופנים אזוי אז די 16 ראטעס געהען דורך אלע אַרטען שיסונגען. און אַ געוויסער פּראָצענט קוילען איז בעשטימט פאר יעדער ארט שיסונג, נאך דער שווערקייט פון די בעדינ-גונגען. צ. ב. ש. פאר אַ שנעלער שיסונג אויף 600 שפאן איז בעשטימט 20%. די ראטע וואס שיסט האט צ. ב. ש. 60 מענשען. יעדער מענש בעקומט 5 פאטראנעס, ס"ה שיסט די ראטע אוים 300 פאטראנעס איז אויב זי טרעפט אין ציעל 60 קוילען ווערט איהר שיסען גערעכענט אלס צופריעדענשטעלענד. אויב זי טרעפט וועניגער איז דאס שיסען שלעכט, אויב מעהר איז דאס שיסען גוט אדער אויסגעצייכענט.

אונזער ראטע האט געדארפט שיסען אויף דעם אופן ווי עס ווערט געמאכט איין אנפאל אויף דעם פיינד און די מישענים זיינען אויך געווען אויסגעשטעלט אזוי ווי איין

אטריאד, וואס פיהרט אַ שלאכט: צוערשט איז געשטאנען אלאנגע רייהע מישענים, אבגעטהיילט איינע פון דער אנדערער אזוי ווי די „פאדערשטע שורה״ און הינטער זיי אויף אַ געוויסער שטרעקע איז געשטאנען אַ גרופּע מישענים אזוי ווי אַ רעזערוו אבטהיילונג. מיר האבען בעקומען צו 15 פּאטראנעס יעדערער און מיר האבען געדארפט צוערשט שיסען 5 מאל אין די רעזערוו מישענים זאלפען ווייז שטעהענדיג און נאכהער — אין דער פּא-דערשטער שורה, שנעל, ליגענדיג.

ווען די פאריגע 3 ראטעס האבען געענדיגט זייער שיסען האט דער ראטני קאמאנדיר אונז אויסגעסטרויעט אין 1 שורה און האט א׳נז צוגעפיהרט צו דעם פלאץ פון וועלכען מיר האבען געדארפט שיסען און האט בעפוילען אנשטעלען דעם ציעל אויף 1200 שפּאן, צו די מישענים, אבער, איז געווען פיעל ווייטער און מיר האבען אויסגעשאסען 2 זאלפען און די קוילען האבען ניט דערגרייכט די מישענים. צום גליק האט דער פארוטשיק מ. דאס בעמערקט און האט אויפמערקזאם געמאכט דעם ראטני, האט ער בעפוילען אנשטעלען דעם ציעל אויף 1300 שפּאן, האבען מיר די איבריגע 3 זאלפען געשאסען ריכטיג און פלוצלינג האט דער ראטני אויסגערופען די קאמאנדא: ״Po Tcepy, Lyoja (אויף דער שורה, ליגענדיג, Chetiresta, pachky nachinay !״ פיער הונדערט, שנעל, פאנג אָן!) אום מיר זאלען ענדערען דאס שיסען, אזוי ווי דער גענעראל האט אנגעזאגט, און ביי דיעזער קאמאנדא איז דער ראטני ווידער „אריין געפאלען״ ווייל ער האט זיך אביסעל צונעאיילט: ער האט געדארפט אויסרופען דעם פארבערייטונגס בעפעהל: Po tcepy, Lyoja, 400 Pachky...... און וו׳ארטען ביז מיר וועלען זיך אוועק לייגען און איבערשטעלען דעם ציעל אויף 400 און נאכהער ערשט ענדיגען מיט דעם ערפילענדען בעפעהל: ״Nachinay !......״ ווייל פון זיינט עס ווערט געהערט די ערפילענדע קאמאנדא:

"Nachinay" ווערט געגיבען בלויז 60 סעקונדען צייט אויסצו-
שיסען 10 פאטראנעס. ווען עס גיהען פאראיבער די 60 סע-
קונדען ווערט געגיבען אַ סיגנאל אז דאס שיסען איז צו ענדע.
דער ראטני, אבער, האט זיך צוגעאיילט און האט אויסגערופען
די ערפילענדע קאמאנדא "Nachinay" איידער מיר האבען זיך
אוועקגעלייגט און איידער מיר האבען איבערגעשטעלט דעם
ציעל, איז ביי אונז אַ גרויסע טהייל פון די 60 סעקונדען אוועק
געגאנגען אויף דיעזע 2 טהאטען און דער רעזולטאט איז געווען
אז ווען דער סיגנאל אויפצוהערען שיסען האט זיך דערהערט
איז ביי יעדען איינעם פערבליבען 3 אדער 4 פאטראנעס ניט
קיין אויסגעשאסענע. אלזא האבען מיר גערענקט אז אונזער
שיסען וועט אנערקענט ווערען אלס זעהר אַ שלעכטע, ווייל ביי
אונז וועט מען פאדערען דעם פראצענט קוילען וואס נעמט זיך
אן פון 15 פאטראנעס און אין דער ווירקליכקייט האבען מיר
געשאסען בלויז מיט 9 אדער 10 פאטראנעס און מיר האבען
זיך אומגעקעהרט אין באראק מיט „אראפגעלאזענע נעזער".
מיר האבען זיך גענומען רייניגען די ביקסען און געווארט אויף
מר. ס. ער זאל קומען און אונז אוועקגיבען אַ גאָב, וואס מיר
האבען „פון דער באָבען ניט געהערט". פלוצלינג האט מען
אנגעפאנגען זיך סוד'ען: „אט געהט ער!" און מיר זיינען אלע
פערציטערט געווארען, אבער צו אונזער גרויסער ערשטוינונג
האבען מיר גאר דערהערט זיינע הילכיגע, געצויגענע ווערטער
"Spasibo Chetvortaya"! (אַ דאַנק, פיערטע!) האבען מיר אפ-
געענטפערט דעם איינגעשטודירטען ענטפער: „מיר זיינען גע-
רען זיך פלייסען א. ז. וו.!" אז די וועגט האבען זיך אַ טרייסעל
געטאן. עס האט זיך אויסגעלאזט אז מיט אונזערע 9-10 פאט-
ראנעס האבען מיר נאך געטראפען מעהר קוילען ווי עס
האט זיך פון אונז געפאדערט נאך דעם בעשטימען
פראצענט.

און דער ראטני קאמאנדיר, וואס איז זיך ניט נוהג אפט דאנקען דער ראטע אזוי ווי אנדערע קאמאנדירען, האט יעצט געפיהלט אז ער איז מחויב אונז „פערגוטיגען", ווייל ווען ניט זיינע 2 פעהלערען וואלטען מיר זיך געווען אויסגעצייכענט אויבערגעוואוינליך, איז ער געקומען אין באראק און האט אונז עטליכע מאהל געדאנקט און האט געגעבען 3 רובל אויף שנאפס. האט מען געבראכט שנאפס און דער פעלדפעבעל האט, ווי דער מנהג איז, צוערשט געטרונקען פאר דעם געזונד פון דעם קיסר, נאכהער פאר דעם געזונד פון דעם ראטני און צולעצט פאר דעם געזונד פון אלע גוטע שיסערס וואס אין דער הייליגער רוסלאנד און מיר האבען געשריען „אורא!" און געמאכט אַ פיינע כוס'ע.

ט. אלול

היינט פון 7 ביז 12 פריה איז געווען אַ בריגאדני טאקטישע לעהרע. אין דער לעהרע האבען אויך גענומען אנטהייל די שילער פון דער אלכסנדראווער מיליטערישער שוהל, וואס לערנען זיך זיין אפיצערען און ווערען גערופען יונקערעס, 1 עסקאדראן קאזאקען, 2 עסקאדראנען קאוואליעריע און 2 באטארעעס ארטילעריע. 2 ראטעס פון אונזער פאלק, די דריטע און די פירטע מיט פעהנדלאך אין די הענד האבען פארגעשטעלט דעם „פיינד" און אויף זיי איז דאס גאנצע מילי-טער אנגעפאלען. מיר, די דריטע און די פירטע ראטע האבען זיך אוועקגעשטעלט איינינע ווערסט ווייט פון דעם לאגער און מיר האבען זיך אויסגעסטרויעט אויף אַ מלחמה שטייגער: צוערשט אַ לאנגע שורה מיט ווייסע פעהנדלאך וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט די „פאדערשטע רייהע", נאך איהר איינינע אבטהיילונגען מיט גרינע פעהנדלאך וואס זיינען געווען דער רעזערוו און ביי דער זייט, אויף אַ בערגעל איינינע מענשען מיט רויטע פעהנדלאך, וואס זיינען געווען די ארטילעריע. דאס

גאנצע מיליטער, אונטער דער פיהרונג פון דעם בריגאדני קא־מאנדיר איז אוועקגעגאנגען אייניגע ווערסט ווייטער פון אונז, ביז דעם דארף שטשוקינא און פון דארט האט עס אנגעפאנגען געהן געגען אונז אין אַ מלחמה ארדנונג.

דאס איז דאס ערשטע מאל וואס איך האב געזעהן אזא גרויסע מאסע מיליטער געהן אין אַ מלחמה ארדנונג. עס איז געווען אַ גרויסארטיגעס בילד. די שטיכען האבען געגלאנצט געגען דער זון ווי אַ פינקלענדיגער וואלד, די קאוואלעריע האט זיך געטראגען געגען אונז מיט אַ טייוועלשער שנעלקייט און די זאלפען פון די ביקסען מיט די קאנאנען האבען איינפאך אויפ־געטרייסעלט די לופט.

ווען די שלאכט האט זיך געענדיגט האט דער בריגאדני קאמאנדיר אונז בעדאנקט און מיר זיינען אוועקגעגאנגען אין די באראקען.

דיעזע איז די לעצטע בריגאדני לעהרע.

י"א אלול

נעכטען פון 11 פריה ביז 6 פארנאכט איז געווען אַ דיוויזיא־לעהרע. אלע 4 פאלקען פון דער ערשטער דיוויזיא האבען זיך געלערענט צוזאמען אונטער דער אויפזיכט פון דעם נאטשאלניק דיוויזיא. די צווייטע בריגאדע, דער פערנאווער און דער ניס־ווישער פאלקען האט געמאכט איין אנפאל אויף דער ערשטער בריגאדע. אין דער לעהרע האבען גענומען אנטהייל: די שילער פון דער יונקער שוהלע, 1 פאלק קאזאקען, 1 פאלק קאוואליעריע און 4 באטארעעס ארטילעריע. די יונקערס (ביי אַ 200 מאן) און די קאוואליעריע האבען געהאלפען אונז און די קאזאקען האבען געהאלפען דעם פיינד. די ארטיליעריע איז געווען פער־טהיילט גלייך אויף גלייך. די לעצטע 2 ראטעס פון אונזער באטאליאן זיינען בעשטימט געווארען צו געהן מיט דער ארטי־ליעריע צו פערטהיידיגען זי פון איין אנפאל, ווייל די ארטילעריע

וואס קאן מאכען אַ חורבן פון ווייטען איז הילפלאז ווען מען פאלט אויף איהר אָן פון דער נאהענט. די ארטילעריסטען האבען ניט דאס נויטיגע געוועהר צו פערטהיידיגען זיך און די קאנאנען. און איבער דעם שיקט מען אימער איין אבטהיילונג מיליטער צו פערטהיידיגען די ארטילעריע פון אַ פלוצלינגדיגען איבערפאל.

די שלאכט איז געפיהרט געווארען אויף דעם פעלד, וואס הינטער דעם לאגער, ביי אַ 5 ווערסט ווייט. גרויס און ברייט איז געווען די שלאכט. עס האבען זיך אין איהר בעטהייליגט מעהר פון 6 פאלקען מיליטער. די זאלפען פון די ביקסען און פון די קאנאנען האבען פערטויבט די אויערען און האבען אויפגעטרייסעלט די לופט.

מיר, די 2 ראטעס, וואס האבען בעשיצט די ארטילעריע האבען קיין גרויסען אנטהייל אין דער שלאכט ניט גענומען. בלויז 1 מאל ווען דעם פיינדס קאזאקען זיינען ארויסגעשפרונגען פון הינטער אַ וועלדעל און מיט אַ בליץ-שנעלקייט זיך אלאז געטאן אויף אונזער ארטילעריע האבען מיר זיך אויף שנעל אויסגעשטרויעט אין 2 שורות און אנגעפאנגען שיסען אויף זיי זאלפען. נאך 4 זאלפען האבען זיך די קאזאקען אומגעקעהרט און אנטלאפען.

ווען די שלאכט האט זיך געענדיגט האט דער נאטשאלניק דיוויזיא אונז בעדאנקט פאר דיעזער לעהרע און פאר דער זומער לעהרע אין אלגעמיין. די זומער לעהרע האט זיך מיט דיעזער דיוויזיא לעהרע געענדיגט. קיין קארפוס לעהרע וועט שוין דיזען זומער ניט זיין. מארגען אדער איבער מארגען וועט דאס מיליטער אוועקגעהן אויף די מאניעווורעס.

י"ב אלול

היינט אום 3 אוהר פארנאכט איז דאס מיליטער אוועקגעגאנגען אויף די מאניעווורעס. דא איז פערבליבען דער

צווייטער באַטאַליאָן צו טאָן די פֿערשיעדענע בעוואַכונגס אַר-
בייטען. עס זיינען אויך פֿערבליבען די מענשען, וואָס איבער
זייער שוואַכקייט זיינען זיי אויף די מאַניעווערס ניט געגאַנגען.
דיעזע מענשען זיינען פֿערטהיילט געוואָרען צווישען די ראָטעס
פֿון דעם צווייטען באַטאַליאָן, וואו זיי וועלען זיך געפֿינען ביז
דער פֿאָלק וועט זיך אומקעהרען. איך וועל זיין אין דער אַכטער
ראָטע. נעכטען האָב איך אַריבער געטראָגען מיינע זאַכען אין
דער אַכטער ראָטע און טאַקע באַלד בין איך בעשטימט געוואָ-
רען צו געהן אין קאַראַאול.

דאָס געפֿינען זיך אין אַ פֿרעמדער ראָטע, אונטער דער
הערשאַפֿט פֿון פֿרעמדע נאַטשאַלניקעס איז מיר גאָר ניט געפֿע-
לען. איך ווייס אַז איך וועל איבערטראָגען פֿיעלע אונאַנגענע-
נעהמליכקייטען, ווייל איך בין אַ פֿרעמדער און דערצו נאָך
אַ איד.

יעדער פֿאָלק האָט אַ געוויסען טאָג אין יאָהר אין וועלכען
ער מאַכט אַ גרויסען יום טוב, וועלכער ווערט גערופֿען „פֿאָלק
יום טוב“. וואָרום און צו וועמעס עהרע דער יום טוב ווערט גע-
פֿייערט האָב איך דערווייל נאָך ניט געקאָנט אויסגעפֿינען.
מיינע עלטערע חברים און די קליינע נאַטשאַלניקעס האָבען זיך
גאָר קיין מאָל די פֿראַגע ניט געשטעלט און די אָפֿיצערען וואַג
איך ניט צו פֿרעגען.

אונזער פֿאָלק-יום טוב איז געווען היינט. אין אַ מעהר
רוהיגער צייט מאַכט דער פֿאָלק גרויסע צערעמאָניעס אין דעם
יום-טוב טאָג, אָבער היינט האָט מען דאָס געמאַכט קורץ,
ווייל דאָס מיליטער האָט זיך געדאַרפֿט גרייטען אין וועג אַריין.

אום 10 אוהר פֿריה האָט זיך דער פֿאָלק אויסגעסטרויעט
פֿאַר דעם לאַגער און דער גלח מיט זיינע שמשים האָבען פֿאַר-
געזונגען אייניגע תפֿלות. נאָכהער זיינען געקומען דער נאַ-
טשאַלניק דיוויזיאַ און דער בריגאַדני קאָמאַנדיר. דער ערשטער

האט גערעדט איינינע ווערטער צו דער עהרע פון טאג נאכהער האט מען געבראכט שנאפס און דער נאטשאלניק דיוויזיא האט אויפגעהויבען זיין כוס און עס האט זיך אנגעפאנגען אַ צעטעל: פאר דעם געזונר פון דעם קיסר, דער קיסרין, דעם טראהן פאלגער, דעם קאמאנדיר פון אקרוג א. ז. וו. און צו דער עהרע פון יעדען איינעם האבען מיר געשריען "אוראַ" ווי דער "דין" איז. ווען די גענעראלען זיינען אוועקגעגאנגען זיינען די ראטעס זיך צוגאנגען אין די עס-צימערען. אהין האט מען געבראכט שנאפס, ביער און בולקעס (ווייסע ברויטלאך) און דער ראטני קאמאנדיר האט אויפגעהויבען זיין כוס און האט איבערגע'חזר'ט אלע "לחיים'ס" וואס דער נאטשאלניק דיוויזיא האט אויסגערע-כענט און מיר האבען געטהאן אונזערס און געשריען "אוראַ". ווי נאר ער האט געענדיגט האט דער פעלדפעבעל אויסגערופען: "פאר דעם געזונד פון דעם ראטני!" און מיר האבען אַ קלונג געטהאן "אוראַ" גאר אויף איין אנדער אופן. יעדערער האט געקאנט זעהן אז דיעזער "אורא" איז ניט קיין "פאפוגייעשער", נאר ער קומט טאקע פון הארצען, ווייל מיר אלע רעספעקטירען דעם ראטני און כמעט ווי מיר ליעבען איהם. נאכהער איז געקומען דער באטאליאני און די צערעמאניע האט זיך ווידער אמאהל איבערגע'חזר'ט. און אונזער באטאליאני האט אויך ביי דיעזער פייערליכער צערעמאניע ניט פערפעהלט צו צייגען זיינע וועלפישע צייהן; פלוצלינג איז איהם אונזער "אוראַ" ניט געפעלען געווארען, האט ער אַ טופ געטהאן מיט דער פוס און אַ געשריי געגעבען מיט אַ שרעקליכען כעס: "איך קאן ניט ליידען אזא מין נארישען "אורא" ווי איהר שרייט! אזוי און אזוי דארף מען שרייען, ניט ווי איהר שרייט".

ווען מיר זיינען פון דיעזער אנשיקעניש פטור געווארען האט מען פערטהיילט יעדען איינעם אַ גלעזעל שנאפס, אַ האלבע פלאש ביער, אַ בולקע און אַ דאפעלטע פארציע פלייש.

נאך ווארמעס האבען זיך די סאלדאטען גענומען גרייטען אין וועג אריין. אום 2:30 האבען זיך אלע פאלקען אויסגע-סטרויעט פאר דעם לאגער און די גלחים האבען זיי געבענשט און אום 3 אוהר זיינען זיי אוועקגעגאנגען.

„צאתכם לשלום!"

דרוק-פעהלערען

זייטעל 14, שורה 29— די —לעז—דריי
„ 57, „ 18— פון — „ —הין
„ 65, „ 4 —שטארקע— „ —גרויס
„ 91, „ 9 —לעבען — „ —אויף א שפאן פון
„ 91, „ 10—לעבען — „ —אויף אַ שפאן פון
„ 94, „ 14—האבען — „ —האט
„ 95, „ 8 —שטיק — „ —שטיך
„ 56 די ווערטער „היינט איז ביי אונז יום טוב" ביז דער ענדע פון דעם קאַפּיטעל זיינען אריין געקומען דורך א פערזעהן.